№ 52 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Biblj. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

# טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek, d. 28 grudnia 1934 | ליכט-צינדען 3.16 | פרייטאג פ' שמות כ'ב טבת תרצ"ה.

## Nadzwyczajne Walne Zgromadzenie
**Banku Spółdzielczego Przemysłowców i Kupców**

z ograniczoną odpowiedzialnością w CZĘSTOCHOWIE odbędzie się dnia **29 grudnia 1934 roku o godzinie 19-ej** w lokalu **Stowarzyszenia Przemysłowców i Kupców Aleja Wolności 3/5**

Poorządek obrad: 1. Sprawa wysokości kredytu jaki może być udzielony członkowi Banku, w stosunku do wpłaconych przezeń udziałów (art. 36 Ustawy o Spółdzielniach). 2. Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi

## די אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג
## פון דער קאאפעראטיווער פאבריקאנטען און סוחרים - באנק

מיט בעגר. פעראנטוו. אין טשענסטאכאוו

וועט פארקומען **דעם 29 גרודזיען 1934 י. 7 א זייגער אווענד** אין לאקאל פון **פאבריקאנטען און סוחרים-פעראיין** אלעע וואלנאשטשי 3–5

סדר-היום פון דער בעראטונג: 1) בעשטימען די הויך פון קרעדיט, וואס קאן ערטיילט ווערען א מיטגליד פון דער באנק אין פראפארציע צו די דורך איהם איינגעצאהלטע פייען (ארט. 36 פון געזעץ וועגען קאאפ.). 2) בעשטימען די גרעניץ פון העכסטען קרעדיט, וואס קאן ערטיילט ווערען א מיטגליד.

**Zawiadomienie.**

Mam zaszczyt zawiadomić Sz. Publiczność, że z dn. 9 grudnia br. uruchamiam na linji

## Wieruszów-Wieluń Krzepice-Częstochowa

nowocześnie urządzony autobus, z centralnem ogrzewaniem, który wychodzić będzie:

**Kierunek Wieruszów—Częstochowa**

| | |
|---|---|
| Odjazd z Wieruszowa | 6.45 |
| „ z Wielunia | 8.00 |
| „ z Krzepic | 9.10 |
| „ z Kłobucka | 9.45 |
| Przyjazd do Częstochowy | 10.20 |

**Kierunek Częstochowa—Wieruszów**

| | |
|---|---|
| Odjazd z Częstochowy | 16.30 |
| „ z Kłobucka | 17.10 |
| „ z Krzepic | 17.50 |
| „ z Wielunia | 19.05 |
| Przyjazd do Wieruszowa | 20.05 |

z Wielunia do Kalisza przez Kępno Ostrów 5,00 8,00 14,20

z Kalisza do Wielunia przez Ostrów|Kępno 7,00 13,20 17,00

MARJAN JANCZEWSKI
Kalisz, Kościuszki 19 tel. 462 i 62
Konc. Przeds. Kom. Aut „MEWA"
na linji Kalisz—Częstochowa
przez Ostrów-Kępno.

**Tańców:** modnych, zwykłych clou sezonu „CARIOCA" salonowa, wyucza w kompletach, oddzielnie **baletm. K. KOSTECKI, ul. Waszyngtona 6.**
Zapisy na kursy codziennie od 10 rano do 9 wiecz. Opłata niska.
פראקטישע לעקציע יעדען שבת פאר יודישע געזעלשאפט אנהויב 8 אווענד.
לעצטע מוזיק-שלאגערס. צוגענגליכער אפצאל.

## FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"
**ul. Berka Joselewicza 2.**

מיר נעמען אן צו וואשען **קראגענס** מיט לאנג-דויערענדען שפיגעל-גלאנץ, אויך נעמען מיר אן **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

**ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס,**
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט

## התראה.

היות ווי איך האב שוין עטליכע מאל מזמין געווען לדין-תורה דעם ה' **מענדיל קאפינסקי** און ער איז נישט געקומען, מאדער איך איהם אויף צום לעצטען מאל צו א דין-תורה אין היגען ראבינאט אויף זונטאג פ' וארא דעם 30-טען ד. ה. אויף 5 א זייגער נאכמיטאג, אדער עווענטועל צווישען מענשען.
מיט אכטונג
**שלמה מארטענפעלד,** ראזאמסק.

Najgłębsze wyrazy współczucia naszemu przyjacielowi WOLFOWI ŚWIERCZYŃSKIEMU z powodu zgonu Jego
**b. p. MATKI**
wyrażają
KOLEDZY.

## פאלא שייקעוויטש גרשון ניימאן
טאמאשאוו-מאז. — טשענסטאכאוו
**חתונה-געהאט**
דעם 25-טען דעצעמבער 1934 י.

צו דער חתונה פון מיין ליעבען זוהן **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקעוויטש** פון טאמאשאוו מיינע הארציגסטע ברכות
**יצחק שמעון ניימאן.**

Naszemu drogiemu bratu GUSTAWOWI z intencji Jego ślubu z p. POLĄ SZAJKIEWICZÓWNĄ najserdeczniejsze życzenia szczęścia i pomyślności od rodzeństwa.

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזעל חשוב'ן קאסירער ה' יצחק שמעון ניימאן צו דער חתונה פון זיין זוהן **גרשון** מיט פרל. **פעסיל שייקעוויטש**
דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט
**גבאים און מתפללים פון דער שטאדט-שוהל.**

א הארציגען מזל-טוב אונזער פריינד ה' יצחק שמעון ניימאן צו דער חתונה פון זיין זוהן **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקעוויטש.**
דעם יונגען פאר—א בליהענדע גליקליכע צוקונפט.
**ישעיהו מיסקע און פרוי, נאטאן מיסקע.**

צו דער חתונה פון ה' **גרשון ניימאן** מיט פרל. **פאלא שייקעוויטש**
אונזער הארציגען מזל-טוב.
אונזער פריינד ה' יצחק שמעון ניימאן פיעל נחת ווינשען
**נחמיה ראזען און פרוי.**

Z intencji ślubu p. GUSTAWA NAJMANA z p. POLĄ SZAJKIEWICZ życzymy młodej parze wiele szczęścia i rodzicom pociechy
Gustawowie Frydman

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד ה' יצחק שמעון ניימאן צו דער חתונה פון זיין ליעבען זוהן **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקעוויטש.**
דעם יונגען פאר — א בליהענדע צוקונפט.
**ישעיהו גראנעק און פרוי.**

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פריינד ה' יצחק שמעון ניימאן צו דער חתונה פון זיין זוהן **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקעוויטש**
דעם יונגען פאר — א בליהענדע צוקונפט.
**בענדעט בערקאוויטש און פרוי,**
**ירחמיאל קעלציגלאווסקי און פרוי.**

צו דער חתונה פון אונזער קוזין **גרשון ניימאן** מיט פרל. **פאלא שייקעוויטש**
אונזער הארציגסטען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט, ווינשען
**גרשון פרענטקע און פרוי.**

Z intencji ślubu p. GUSTAWA NAJMANA z panną POLĄ SZAJKIEWICZÓWNĄ życzymy szczęścia i pomyślności
Matusostwo Etynger.

צו דער התונה פון ה' **גרשון ניימאן** מיט פרל. **פאלא שייקעוויטש**
א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
ווינשען **לייבל אלטמאן און פרוי.**

## אויפפאדערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט די קלאנגען, וועלכע עס פערשפרייטען די מיטגלידער פון דער ארטיגער רעכטע פועלי-ציון-ארגאניזאציע **שמחה לאסטמאן און אברהם קאניארסקי,** אז אונזער פארטיי-מיטגליד ה' **משה לעדערמאן** האט דעם לעצטען פאר פסח בעקומען פון דער ארטיגער יודישער קהלה אלס שטיצע פאר די טראנספארט-ארבייטער א חוץ מצות אויך א געלד-אונטערשטיצונג, די מצות האט ה' לעדערמאן פערטיילט און דאס געלד געזאלט צונעמען פאר זיך, פאדערען מיר דעריבער אויף די אויבענדערמאנטע צוויי הערען אין משך פון 8 טעג צוצושטעלען עפענטליכע בעווייזען. אין געגענפאל וועלען מיר דעם גאנצען ענין איבערגעבען דעם געריכט.
טשענסטאכאוו, דעם 28.12 1934. **טשענסטאכאווער קאמיטעט פון „בונד".**

Naszemu współpracownikowi p. WOLFOWI ŚWIERCZYŃSKIEMU z powodu zgonu Jego
**b. p. MATKI**
wyrażamy nasze najgłębsze współczucie.
Sz. Nisberg z Żoną,
oraz współpracownicy M. Markowicz, M. i S. Landsberger.

## לודקא טויבענבלאט ישראל קאכמאן
**חתונה-געהאט**
טשענסטאכאוו, דעם 23-טען דעצעמבער 1934.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד **ישראל'עק קאכמאן** מיט פרל. **לודקא טויבענבלאט** אונזער הארציגסטען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט. ווינשען
**יעקב לעווקאוויטש און פרוי, העניך לעווקאוויטש און פרוי און ווילעק לעווקאוויטש.**

אונזער מחותן **ישראל יעקב קאכמאן** און פאמיליע צו דער חתונה פון זייער זוהן און ברודער **ישראל'עק** מיט פרל. **לודקא טויבענבלאט** א הארציגען מזל - טוב.
דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט ווינשען
**ליפא פירשטענבערג, פרוי און פאמיליע.**

צו דער התונה פון ה' **ישראל קאכמאן** מיט פריילין **לודקא טויבענבלאט**
ווינש איך פיעל גליק און א צופרידען צוזאמענלעבען
דעם יונגען פאר און פיל נחת און פרייד די עלטערן
**חיים פורבערג** (מוכא).

**Alina Bidówna** **Marek Krauze**
zaślubieni.
Częstochowa 23 grudnia 1934 r.

Naszemu kochanemu bratu i przyszłemu szwagrowi MARKOWI z intencji Jego ślubu z p. ALINĄ BIDÓWNĄ. składamy z głębi se c płynące życzenia szczęścia i zadowolenia.
Mania i Wowek.

צו דער חתונה פון אונזער ברודערן-זוהן **מארעק קרויזע** מיט פרל. **אלינא בידא** ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט.
די עלטערן — פיעל נחת.
**זיסמאן קרויזע, פרוי און פאמיליע.**

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע ליעבע מחותנים ה' **יוסף קרויזע** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער זוהן **מארעק** מיט פרל. **אלינא בידא.** דעם יונגען פאר — א בליהענדע צוקונפט.
**מיכאל טולקאווסקי און פרוי.**

צו דער חתונה פון אונזער שוועסטערן-זוהן **מארעק קרויזע** מיט פרל. **אלינא בידא** ווינשען א הארציגען מזל-טוב און פיעל גליק.
**פאמיליע פעלדמאן.**

אונזער שותף **בעריל בידא** און **פרוי** צו דער התונה פון זייער טאכטער **אלינא** מיט ה' **מארעק קרויזע** א הארציגען מזל-טוב.
דעם יונגען פאר א גליקליכע, בליהענדע צוקונפט ווינשען
**געברידער לעווקאוויטש, געברידער ריכטיגער.**

אונזער ווירט ה' **יוסף קרויזע** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער ליעבען זוהן **מארעק** מיט פרל. **אלינא בידא** א הארציגען מזל-טוב.
דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט ווינשען
**שלמה אורבאך און פרוי.**

צו דער חתונה פון אונזער קוזינקע **אלינא בידא** מיט ה' **מארעק קרויזע**
ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.
די עלטערן — פיעל נחת.
**בעריל בידא און פאמיליע.**

לרגלי חתונת מר **מאיר קרוזה** עם מרת **אלינה בידא** אנו מאחלים לבעל-בית שלנו א' **יוסף קרוזה ולאשתו** וגם לזוג ברכת מזל-טוב המה.
**דן דוד בוים ורעיתו.**

לנשואי בנו של בעל-בית שלנו מר **מאיר קרוזה** עם מ. **אלינה בידא** — אחולינו חלבביים להורים ולזוג.
**יצחק יקובוביץ ורעיתו.**

צו דער חתונה פון מיין קוזינקע **אלינא בידא** מיט ה' **מארעק קרויזע**
א הארציגען מזל-טוב. די עלטערן פיעל נחת ווינשט
**אברהם וואלף בידא.**

# נאָטיצען.

## למען בנין בית-המדרש.

צו דער אַקציע אויפצובויען אַ נייַ בית-המדרש, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ שטאָדט טשענסטאָכאָוו, זענען צוגעצויגען געוואָרען עטליכע צעהנדלינג פּערזאָן, וועלכע האָבען געגרינדעט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך גערופען למען בנין בית-המדרש. דער דאָזיגער קאָמיטעט האָט אין אָנהויב זעהר ענערגיש געאַרבייט און אַ דאַנק דעם איז אין אַ זעהר קורצער צייט אויפגעבויט געוואָרען אַ פּרעכטיגער בנין.

די פּערזאָנען, צו וועלכע דער קאָמיטעט האָט זיך געוואָנדען וועגען בעשטייערונג, האָבען מיט בעגייסטערונג עס בייגעטראָגען, אויך האָבען יודישע בעלי-מלאכות זיך געשטעלט אַרבייטען, מעהרערע אינגאַנצען אומזיסט, אַזוי דאָס ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס גאַנצע יודישע טשענסטאָכאָוו איז בעגייסטערט פאַר דעם גרויסען נעדאַנק אויפצובויען אַ פּרעכטיגען בנין. פיעל מנדבים האָבען זאָגאַר געגעבען אַזעלכע נדבות אויף דעם צוועק, וואָס ס'האָט אַרויסגערופען בעוואונדערונג.

מיט דער צייט אָבער זענען עטליכע מיטגלידער פון קאָמיטעט מיעד געוואָרען, איבערהויפּט איז דער עהרען-פּרעזעס, אויף וועלכען מען האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען, באַלד שוואַך געוואָרען אויף די פיס... און געבליבען ביי דער אַרבייט זענען די אונערמידליכע טהוער, די געברידער הענריק און שלמה שפּאַלטען מיט עטליכע קאָמיטעט-מיטגלידער, אויף וועלכע עס ליגט די גאַנצע גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר'ן פערענדיגען דעם גרויסען הערליכען בנין, והמלאכה מרובה און די אַרבייט איז נאָך גרויס, מען דאַרף פערענדיגען דעם בנין, וואָס וועט זיין אַ פּראַכט; עס פעהלען אויס הענד, וואָס זאָלען נעמען די בעשטייערונגען, וועלכע די יודישע בעפעלקערונג וואָלט מיט דאַנק געגעבען, ווען עס וואָלט געווען, ווער עס זאָל קומען מאָהנען.

אונזער רוף איז טאַקי יעצט צו דער יודישער בעפעלקערונג, אַז יעדער ווער ס'האָלט פאַר זיין חוב בייצוטראָגען זיין צושטייער צום בנין בית-המדרש, זאָל עס אַליין צוטראָגען און אויך מיטהעלפען זאַמלען.

זאָל מען נישט לאָזען די גרויסע אָנגעהויבענע אַרבייט אין מיטען, זאָל דאָס טשענסטאָכאָווער יודענטום נישט פערשעהמט בלייבען ביי דער דאָזיגער אַקציע.

טשענסטאָכאָווער יודען גיבען אַ סך געלד אויף פערשידענע אַקציעס, אַפילו אויף אויסערשטאָדטישע, אויב מען קומט נאָר ביי זיי מאָהנען און דאָ ווערט אויפגעשטעלט אַ גרויסער מאָנומענט פאַר די טשענסטאָכאָווער יודען. זאָלען אַלע, וועלכע האָבען פאַר דעם אַ סענטימענט, מיטהעלפען צום אויפבוי פון שטאָדטישען בית-המדרש.

## פּחדנות אָדער רעזיגנאַציע?

אַ זעהר וויכטיגע פראגע בעשעפטיגט מיין מח און איך קאָן אַליין נישט בעשטימען ווי אַזוי מען זאָל דאָס דאָזיגע אָנרופען: פּחדנות אָדער רעזיגנאַציע?

די יודישע בעפעלקערונג לעבט לעצטענס אונטער דעם איינדרוק פון דעפּרעסיע. פון איין זייט די צושלאָגענע פּרנסה, דאָס קעמפען פאַר'ן שטיקעל ברויט, וואָס קומט אַזוי שווער אָן און דער צווייטער זייט — די פערשידענע שטייערן, וואָס צאַפּען אַרויס דאָס לעצטע ביסעל מאַרך פון די ביינער.

נאָך אין אַנ'ערגערער לאַגע געפינען זיך די מאַרקשטעהער, וועלכע ציהען זייער פּרנסה פון מאַרק-האַנדעל און וועלכע שטעהען אויס פערשידענע נגישות, זענען אויסגעשטעלט אויף יעדען ווינטעל, וואָס בלאָזט פון אַלע זייטען, אָט פאַר די דאָזיגע יודען איז זונטאָג, ערב די חנאות, געשטאַנען אַ האַרבע פּראַגע: אַרויסרוימען די סחורה אין מאַרק אָדער נישט, ווארום פאַר זייערע אויגען איז נאָך געשטאַנען דאָס בילד פון פאַראיאָהרען, ווען כוליגאַנעס זענען געקומען און אומגעוואָרפען זייערע טישען מיט סחורות און צוטרעטען מיט די פיס.

זענען געשטאַנען די דאָזיגע יודען און געטראַכט און געטראַכט. דערווייל בעווייזען זיך עטליכע כוליגאַנעס און דערזעהענדיג, ווי אַ יודענע רוימט אַרויס אין מאַרק די סחורה, האָבען זיי צוואָרפען דאָס קרעמיל: דאָס האָט נאָך אַרויסגערופען אַ גרעסערען כאַאָס און די יודען האָבען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי האָבען געקענט לייזען, רעזיגנירט פון אַרויסרוימען זייערע סחורות.

דער שרייבער פון די שורות, וועלכע האָט זיך גראָד געפינען אין מאַרק, האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז די יודען דאַרפען זיך נישט לאָזען טעראָריזירען פון עטליכע כוליגאַנעס, אי־בערהויפּט ווען עס איז דאָ פּאָליציי אין מאַרק, נאָר אַלע ווי איינער דאַרפען אַרויסרוימען זייערע סחורות און זיך נישט אָבשרעקען פאַר די דראָהונגען, ווארום אויב אַזוי איז דאָך אַ סוף פון אַלעם, וועלען זיי דאָך שטענדיג אונז האַלטען אונטער דער דאָזיגער דראָהונג און דאָס איז עלול אומצוברענגען דעם גאַנצען יודישען מאַרק-האַנדעל.

עטליכע יודען האָבען זאָגאַר מסכים געווען מיט מיינע אויספיהרונגען, נאָר זיי האָבען פערלאַנגט פון מיר אַ גאַראַנטיע צו בעצאָהלען זיי פאַר דעם עווענטועלען שאָדען וואָס זיי וועלען האָבען.

שטעלט זיך איצט די פראגע: ווי אַזוי קאָן מען די זאַך אָנרופען: פּחדנות, צי איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס יודען זענען איבערהויפּט טכּושעס, אַז אפילו דאַמאָלס, ווען זיי איבערשטרייטען נישט דאָס געזעץ, האָבען זיי אויך מורא פאַר'ן הויך פון עטליכע לאָבוזעס און האָבען נישט דעם מוט זיך אַקעגענצושטעלען און זיי איבערגעבען אין די הענד פון דער פּאָליציי — אָדער דאָס איז פּשוטע רעזיגנאַציע: מיר האָבען שוין סיי-ווי-סיי נישט וואָס צו פערלירען, וועלען מיר אויך דאַסמאָל רעזיגנירען.

יעדענפאַלס האָט דער דאָזיגער אינצידענט אַרויסגעוויזען אונזער גאַנצען טראַגיזם, די גאַנצע גלות-פּסיכאָלאָגיע, דאָס שפלות, אין וועלכע יודען געפונען זיך אין איצטיגען מאָמענט, וואָס דריקט זיך אויך אין די צוויי ווערטער: פּחדנות און רעזיגנאַציע.

ש"ש.

# די „קרן-היסוד"-אַקציע אין טשענסטאָכאָוו.

### ד"ר י. שיפּער פּראָקלאַמירט די אַקציע. — רעד. נ. גערבאָווסקי פיהרט מיט איהר אָן.

טשענסטאָכאָוו נעהמט היינט אויף צוויי זעהר חשוב'ע געסט, וועלכע קומען צו אונז אין אַ זעהר וויכטיגער און נאַציאָנאַלער שליחות — אין שליחות פון „קרן היסוד", דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילען, ד"ר יצחק שיפּער און דעם דעלעגירטען פון „קרן היסוד"-דירעקטאָריום רעד. נ. גערבאָווסקי.

ד"ר י. שיפּער איז היינט צו טאָג איינער פון די פיהרענדע פּערזענליכקייטען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג אין פּוילען, פאַר וועלכער ער גיט אָב אונערמידליך זיין צייט און ענערגיע.

אין משך פון איבער 30 יאָהר ווידמעט שוין ד"ר שיפּער זיין געוואַלדיגע ערודיציע, זיין קוואַל פון בילדונג און וויסען, זיין שפּראָדעלדיגען טאַלענט, סיי אין וואָרט, סיי אין שריפט פאַר דעם יודישען פאָלק, פאַר זיין האָפנונג און אַספּיראַציעס.

ד"ר י. שיפּער, וועלכער האָט זיין געזעלשאַפטליכע קאַריערע אָנגעהויבען אין גאַליציע, אין איינער פון די אָבגעריסענע פּוילישע פּראָווינצען, האָט זייט פּוילענס בעפרייאונג פון פרעמדען יאָך און זייט דער ענטשטעהונג פון דער פּוילישער מלוכה, געוואָרען איינער פון די ווירקזאַמסטע, טיכטיגסטע און איבערגעגעבענסטע קעמפער פאַר די יודישע רעכט און פאַר דער בעפרייאונג פון דעם יודישען פאָלק אין זיין אייגען לאַנד.

דער עלטסטער ציוניסטישער צוזאַמענפאַהר אין פּוילען האָט איינשטימיג איבערגעגעבען אין די הענד פון ד"ר שיפּער דעם פעראַנטוואָרטליכסטען פּאָסטען אין דער ציוניסטישער בעוועגונג פון פּוילען. אויף פּרעזידענטור פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף און מוז שפּיעלען די הויפּט-ראָל ביי דער ענטשיידונג פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען וואָס שטעהן יעצט אויפ'ן סדר היום — די מאַסען-עליה קיין א"י און די אויפבוי-אַרבייט פאַר א"י.

אויך דער צווייטער שליח פון „קרן היסוד"-דירעקטאָריום רעד. נ. גערבאָווסקי איז נישט קיין פנים חדשות אין טשענסטאָכאָוו.

שוין עטליכע יאָהר האָט דער ברייטער יודישער עולם אין אונזער שטאָדט געהאַט דאָס פערגעניגען צו הערען די אינהאַלטרייכע און ערנסטע רעפעראַטען פון דעם דאָזיגען בעגאַבטען עסקן.

רעד. נ. גערבאָווסקי האָט זיך בעזונדערס בעליעבט געמאַכט צווישען די רייהען פון די „קרן היסוד"-עסקנים מיט זיין פלייס און ענערגיע, וועלכע דינט תמיד פאַר אַ שטויס-קראַפט מצד די היגע ציוניסטישע עסקנים אין זייער אַרבייט פאַר'ן „קרן היסוד".

עס איז געווען אַ געלונגענער שריט מצד דער צענטראַלע פון „קרן היסוד", וואָס זי האָט צו דער היי-יעהריגער „קרן-היסוד"-אַקציע אין אונזער שטאָדט, וועלכע וועט געפיהרט ווערען אונטער דער לאָזונג פון פערדאָפּלען די צאָהל „קרן-היסוד" תורמים אין טשענסטאָכאָוו, אָנפערטרויט די אַרבייט אַזאַ ענערגישען און אויסגעצייכענטען אָרגאַניזאַטאָר, ווי ס'איז רעד. נ. גערבאָווסקי.

די שליחים פון „קרן-היסוד" קומען צו אונז קיין טשענסטאָכאָוו, כדי אויפצופאָדערן די טשענסטאָכאָווער יודען צו פערגרעסערען זייער אַנטייל אין „קרן-היסוד", ענטשפּרעכענד צו די גרויסע אויסגאַבען, וואָס ליגען יעצט פאַר דעם דאָזיגען נאַציאָנאַלען פאָנד ביי דער רעגולירונג און בעפעסטיגונג די יסודות פון דעם נאַציאָנאַלען בנין אין ארץ ישראל.

בעגריסענדיג די חשוב'ע געסט מיט דעם אַלט-יודישען „ברוכים הבאים" ווינשען מיר זיי, זיי זאָלען דערגרייכען זייער ציל — פערדאָפּעלט מוז ווערען די צאָהל תורמים פאַר'ן „קרן-היסוד" אין אונזער שטאָדט.




# בילאַנס...

לויט אַ פעראָרדנונג מוזען אַלע סוחרים, וועלכע פיהרען ביכער, מאַכען זייערע בילאַנסען פאַר'ן 1 סטיטשען, אַנדערש דראָהט זיי אַ שטראָף. איך וויל דעריבער אויך מאַכען אַ בילאַנס איירער עס קומט נייַ יאָהר, כדי איך זאָל: ערשטענס האָבען אַ טעמאַ אויף אַ פעליעטאָן, והשנית — איז גלאַט גוט צו מאַכען אַ בילאַנס, כדי צו וויסען ווי מען האַלט אין דער וועלט.

אַזוי אָבער ווי די סוחרים זענען ביים בילאַנס מאַכען געוואויר געוואָרען, אַז זיי האָבען דעפיציט, אַז פון קרעדיט און דעבעט זענען זיי אויך דעבעט, אַזוי איז אויך ליידער ביי מיר. נאָכ'ן סך-הכל, ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך מיין בילאַנס איז בלויז דעפיציט.

די סוחרים האַנדלען מיט מאַנופאַקטור, לעדער, גאַלאַנטעריע, מאַלע מיט וואָס מען מאַכט אַלץ אַ מסחר. מיר פעליעטאָניסטען האַנדלען אויך און אונזער מסחר איז: קהל'שע אינסטיטוציעס, נייעסען, פּלאָטקעס און נאָך אַזעלכע שווינערייען.

אָט אין אונזערע אַרטיקלען איז אויך פערהאַן אַ גרויסער דעפיציט, ווי איהר וועט עס קאָנען אַרויסזעהן אין דעם בילאַנס, וואָס מיר מאַכען דאָ פאַר אייך:

1) קהלה. אונזער הויפּט-אינסטיטוציע ציהט איהרע הכנסות פון: א) עטאַט, ב) שחיטה, ג) מקוה, ד) בית החיים. מיט עטאַט זענען די היגע בירגער בעשטייערט לגבי אַנדערע שטעדט מיט קליינע סומעס און אויך דאָס גלוסט זיך נישט און אפשר האָבען זיי נישט צו צאָהלען, אַזוי, אַז די עטאַט הכנסה איז זעהר אַ קליינע. זי איז אויסגעשטעלט אויף אַ סומע פון 76 טויזענד זלאָטעס און ברענגט אַריין קוים מיט צרות עטליכע פופציג טויזענד זלאָטעס.

די שחיטה — די הויפּט הכנסה וואָלט אפשר געווען גוט, האָבען מיר אָבער שוחטים, וואָס האָבען געלערנט דעם הכל שוחטין, וועלכע זיי טייטשען אויס אַז זיי מעגען שחט'ן אויף אַלע זייטען: אין שחט-הויז, ווי אויך אין אַ פּריוואַטען קעלער אָדער שטאַל, און ממילא איז אויך די דאָזיגע הכנסה נישט אין אָרדנונג.

מקוה. נו, נו, דאָ דאַכט זיך דאַרף מען דאָך גערן זעהען, אַז זי האַלט זיך אַליין אויס, ווארום גאַרנישט לאַנג האָט מען נאָך געמוזט צו איהר דערלייגען, איבריגענס איז די מקוה אַ גרויסער בעל-חוב, מען איז שולדיג אויף איהר די סומע פון 100 טויזענד זלאָטשאָקעס.

בית-החיים. ווידער אַ צרה. אַז טאָמער שטאַרבט שוין עמיצער, מוז עס זיין אַ פענטאַק און די יורשים האָבען נישט צו בעצאָהלען. ס'טרעפט אָפט, אַז ביים לעבען האַלט מען דעם פלוני בן פלוני פאַר אַ גביר, נאָר ווען ער שטאַרבט, ווערט מען ערשט געוואויר, אַז דאָס איז אַ קבצן אין זיבען פאָלעס. נו גער און נעם פון יענעם אַ סומע קבורה-געלד.

די הוצאות אָבער זענען דיזעלבע און ממילא, אַז מען פערגלייכט די הוצאות מיט די הכנסות, איז די אונטערשטע שורה: דעפיציט.

פערהאַן נאָך קהל'שע אינסטיטוציעס, ווי די האַנדווערקער-שולע, גערטנער-פערמע, שוהל און בית המדרש.

די האַנדווערקער-שולע — אַ גרויסע, מעכטיגע אינסטיטוציע, אָבער אויך זי שטעהט און פאָדערט פון דער קהלה דאָס איהריגע, זי בעקומט טאַקי נישט, אָבער דאָס פאָדערן אַליין מאַכט אַ שלעכטען איינדרוק. די גערטנער-פערמע ווידער איז שוין לאַנג דעפיציט, איבריגענס קאָן מען די גערטנער-פערמע נישט אַריינרעכנען אין בילאַנס, ווייל די קהלה ווייסט אפילו נישט וואָס דאָרט טהוט זיך... פון צייט צו צייט דאַרף מען אויך צוואַרפען אַ פאַר זלאָטעס דער שוהל, נאָר וועגען הכנסה איז נישטאָ וואָס צו רעדען.

ווי איהר זעהט, איז דער בילאַנס פון דער היגער קהלה מיט אַלע איהרע אינסטיטוציעס אַזעלכער, אַז דער דעבעט איז גרעסער פון קרעדיט און דער רעזולטאַט?

דעפיציט!

„דאַבראָטשינגאָשטש":

א) שפּיטאָל — אַ שעהנע, הערליכע אינסטיטוציע. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז זי אַרבייט מיט דעפיציט און איך האַלט, אַז אפילו די יעצטיגע אַקציע, וועלכע זי פיהרט, איבערהויפּט דער סילוועסטער-באַל, וואָס דער בלויזער בילעט קאָסט 5 זל., איז אויך נישט קיין רעאַלע סומע, ווייל נאָר יחידי-סגולה קאָנען זיך ערלויבען אויף דעם שפּאַס. דערפאַר אָבער וועלען זיך געפונען אַ סך יודען, וואָס וועלען געבען זייערע נדבות און שטענדיגע אָבצאָהלונגען פאַר'ן שפּיטאָל, נאָר אויך דאָ וועט דער בילאַנס נישט שטימען, ווייל לויט'ן רעגולאַמין פון „דאָבראָטשינגאָשטש", זענען די אַלע, וועלכע צאָהלען פאַר'ן שפּיטאָל, נאָך נישט קיין מיטגלידער פון דאָבראָטשינגאָשטש און דאָס מאַכט דעם דעפיציט...

מושב-זקנים און יתומים-הויז קאָן זיך נישט בעקלאָגען אויף פראָקווענץ... די דאָזיגע אינסטיטוציע האָט אַלט און יונג, נאָר אַנ'אומגליק, וואָס אי די זקנים, אי די קינדער האָבען מיילער און ס'ווילט זיך עסען, פערגלייכט מען די מיילער, וואָס ווילען עסען מיט די סומען, וואָס די פערוואַלטונג בעקומט איז דער סך-הכל: דעפיציט.

דאָס זעלבע מיט אַ קליינעם אויסנאָהם איז די אַכראָנקע ביים „דאָבראָטשינגאָשטש". נישט קוקענדיג דערויף וואָס דער עלטערן-קאָמיטעט שטרענגט אָן אַלע מיטלען, כדי אַריינצובריינגען הכנסה, זענען די הוצאות גרעסער פון די הכנסות און דער רעזולטאַט — דעפיציט.

„טאַז" — אַ וואוילע פיינע אינסטיטוציע מיט בעראַטונגס שטעלען פאַר מוטערס, מעדיצינישע הילף פאַר קינדער, האַלבע קאָלאָניעס א. ד. גל. אָבער פונדעסטוועגען האָט זי אַ מאָראַלישען דעפיציט, דהיינו: ס'איז איהר פאַרט נישט געלונגען אויסצוהיילען אַלע פאַרכעס, וואָס זענען נאָך ביי אונז פערהאַנען. אויך ביי זיי שטימט נישט דער בילאַנס און ס'איז פערהאַן אַ דעפיציט.

לינת הצדק — ביז נישט לאַנג געווען אַ טריסט פאַר הונדערטער קראַנקע. נאָר לעצטענס הויבט אָן דער דאָזיגער בודזשעט צו שוואַנקען און שוין איצט איז דער דעפיציט גרויס אַזוי, אַז מען קען נישט צוזאַמענשטעלען דעם בילאַנס.

הכנסת כלה — די געזעלשאַפט האָט אַ סך סחורה. כלות פעהלען נישט און זי וואָלט געקאָנט גוט פראָספּערירען. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז זי האָט נישט קיין אָבזאַץ-מאַרק אויף די פערזעסענע בתולות און ווען זיי מאַכען דעם בילאַנס, בלייבט אויף איין זייט „מאַ" און אויף דער אַנדערער זייט „ניעמאַ", וואָס דאָס הייסט אויף פּראָסט מאַמע-לשון, אַז כלות האָבען זיי גענוג, נאָר חתנים „ניעמאַ".

דער „בית-לחם" האָט אַ סך גוטען ווילען. אויך נעמערס פעהלען זיי נישט אויס, אלא וואָס דען — זיי האָבען נישט וואָס צו טיילען. און די קויהלען-אַקציע, וואָס זיי אָרדנען-איין אויפ'ן ווינטער, וועט איה"ש אין אַ דריי חדשים אַרום — אויב זיי וועלען נאָך דאַמאָלס נישט האָבען רעזיגנירט — מעגליך זיין צו מאַכען דעם בילאַנס...

„גוט-שבת-יודעלעך" זענען אפשר די איינציגע, וועמעס בילאַנס איז אַ רעאַלער. פערקעהרט, זיי האָבען אפשר נאָך אַנ'עודף. אויב געוועהנליך זיי צוטיילען נישט אַלץ וואָס זיי נעמען צוזאַמען, כאָטש קיינער צווייפעלט נישט אין דעם... קיין דעפיציט איז אָבער ביי זיי נישטאָ...

מלבוש ערומים. אויך פאַר דער חברה איז געקומען אַ שלעכטע צייט. נאָך פאַראיאָהרען האָבען זיי בעת זיי האָבען צוטיילט ס'ביסעל שיכלעך נאָך געמאַכט אַ קידוש (כאָטש מען ווייסט נישט וואָס ביי זיי איז געווען דער עיקר דאָס צוטיילען די שיכלעך אָדער דער קידוש...) היי-יאָהר האָבען זיי זיך בעגנוגענט מיט'ן בלויזען צוטיילען, אָהן אַ קידוש און דאָס איז אַ גרויסער אונבּרחמנות'דיגער דעפיציט...

די גמילות-חסדים קאַסעס אַרבייטען אפילו זעהר שעהן, נאָר ביים בילאַנס איז סיי דער „מאַ" פון פּראָטעסטירטע וועקסלען און סיי דער „ניעמאַ" פון כסף זעהר אַנזעהעוודיג און דער עיקר, אַז די לעצטע שורה ווייזט דעם ציפער: דעפיציט.

דאָס נייַע בית-המדרש וואָלט אויך שוין געפיהרט אַ בילאַנס, נאָר דערווייל האָבען זיי נאָך נישט וואו די ביכער אָוועקצולעגען, באשר ס'פעהלט זיי אויס אויפ'ן נויטיגען, נאָר מען קאָן זיי גלויבען אויפ'ן וואָרט, אַז אויך זייער בודזשעט ליידט דערווייל אַ דעפיציט...

און נישט נאָר בלויז אונזערע היימישע אינסטיטוציעס, נאָר די גאַנצע וועלט, אַלע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, ווי: די פעלקער-ליגע, ענטוואָפנונגס קאָנפערענצען, צווישען-מלוכה'שע האַנדעלס-אָבמאַכען, דער 4-פּאַקט און דער 6 פּאַקט און אַלע זעמטליכע פּאַקטען, אַלץ און אומעטום ווייזט דער בילאַנס פון 1934 יאָהר אַרויס אַ דעפיציט...

אפשר זאָל מען האָפען (דאָס מעג מען, ס'קאָסט נישט קיין געלד און פון האָפען דאַרף מען נישט צאָהלען קיין אָבראָטאָווע און דאָכאָדאָווע), אַז דאָס יאָהר 1935 וועט זיך אפשר דער דעפיציט פערקלענערן און מיר וועלען קאָנען מאַכען אַ גוטען בילאַנס.

סמאַל

משה אש.

# די ערשטע חדרים, ישיבות און מלמדים אין טשענסטאכאוו.

— 5. —

ווי מיר האבען שוין געשריבען אין די פריהערדיגע קאפיטלען איז דורכ'ן בילדונגס-מיניסטער געגעבען געווארען דער היגער קהלה אנ'ערלויבניש צו עפענען אין אונזער שטאדט א יודישע עלעמענטאר-שולע, נאר צוליעב געוויסע סיבות איז די ענטשטעהונג פון דער שולע אויפגעהאלטען געווארען א לענגערע צייט.

דעם 17 פאזדזיערניק 1867 איז פארגעקומען אין טשענסטאכאוו די ערעפנונג פון א רעגירונגס-פרא-גימנאזיום, אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען: דער גובערנאטאר, לאדזער שול-קוראטאר און רעגירונגס-פארשטעהער; אויף דעם זעלבען טאג איז דורך דער שול-דירעקציע אויך בעשטימט געווארען דאס עפנען פון דער יודישער עלעמענטאר-שולע. דעם 17 פאזדזיערניק 5 א זייגער אווענד זענען זיך אין לאקאל פון דער שולע, ווארשאווער גאס, הויז קעלער, צוזאמענגעקומען די צוויי בעשטימטע דורך דער שול-מאכט אפיעקונס: אדאלף לאנדא און עדווארד ליקערניק, צוקאאפטירטער קאמיטעט: הרב יצחק ראבינאוויטש, ד"ר בורשטינסקי (וועלכער האט גלייכצייטיג פערנומען דעם עהרען-פאסטען אלס שול-דאקטאר), יעקב זיידמאן, לאזארוס גראסמאן, דניאל בעהם, קארל גינסבערג, דובער קאהן, מארקוס קאהן, סאמועל וויינבערג, פ. וואלבערג, נחום ראטשילד, מ. ב. מאשקאווסקי, אברהם ד. לאנדא און לעאן אדערפעלד און געפייערט די התחלה פון דער ערשטער יודישער עלעמענטארער שולע אין טשענסטאכאוו. פון דער מאכט האט אין דער פייערונג אנטייל גענומען דער גיי. בעשטימטער פאוויאט-נאטשעלניק, וועלכער האט אויפמערקזאם געמאכט דעם קאמיטעט זיך צו בעמיהען, אז אין דער שולע זאל געלערנט ווערען די רוסישע שפראך.

אלס ערשטער לעהרער איז בעשטימט געווארען משה זיס, לאנגיעהריגער לעהרער אין א לאדזער עלעמענטאר-שולע, מיט א פענסיע פון 200 רובל יעהרליך. אחוץ דעם איז ה' זיס אנגאזשירט געווארען אלס קהלה - סעקרעטאר, פאר וועלכען ער האט בעקומען עקסטרא בעצאהלט.

אלס צווייטען לעהרער פון דער רוסישער שפראך, ווי אויך פון יודישער רעליגיע האט די לאדזער דירעקציע בעשטימט דעם קיעווער לעהרער משה מאיערסאן, מיט א פענסיע פון 150 רובל. אויסער דעם איז אויך בעשטעטיגט געווארען די פרוי ערנעסטינא ווראצלאווסקא אלס לעהרערין אין דער מעדכען אבטיילונג פון דער שולע, מיט א געהאלט פון 100 רובל יעהרליך.

בעת דער ערעפנונג האבען זיך אין דער שולע געפינען 90 שילער און 56 שילערינס.

באלד אבער איז ענטשטאנען א גרויסער קאנפליקט צווישען דער לאדזער שול-דירעקציע און דעם יודישען שול-קאמיטעט. די לעצטע האבען איינגעפונען, אז ה' מאירסאן, דער לעהרער פון יודישער רעליגיע איז נישט גענוג רעליגיעז און פאר קיין פאל נישט געוואלט מסכים זיין, דאס ער זאל לערנען רעליגיע מיט די יודישע קינדער. ערשט נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען איז פערגליכען געווארען, אז מאיערסאן בלייבט לעהרער בלויז פון רוסיש און דער קאמיטעט האט דאס רעכט צוצונעמען, לויט זייער אייגענעם ווילען א דריטען לעהרער אויף אייגענע קאסטען. דער קאמיטעט האט אויף דעם פאסטען בעשטימט דעם פון אלע געאכטעטען היגען לעהרער נחמן אהרן ראזען, מיט א פענסיע פון 200 רובל יעהרליך און דעם 2 מערץ 1868 איז ראזען בעשטעטיגט געווארען דורך דער שול-דירעקציע; גלייכצייטיג איז ער אויך אנגאזשירט געווארען צו לערנען מיט די קינדער די דייטשע שפראך.

ראזען האט איינגעפיהרט אין דער שולע אויך נאכמיטאג - קורסען פאר קינדער, וועלכע לערנען אין פריוואטע חדרים און געלערנט מיט זיי תנ"ך און יודישע רעליגיע. דערפאר האט ער בעקומען פון דער קהלה א צוגאב-געהאלט פון 70 רובל יעהרליך.

שפעטער איז דורכ'ן קוראטאריום בעשטימט געווארען פרוי זשאזעפינא טרעפקי אלס לעהרערין פון האנד-ארבייט.

אין יאהר 1868 איז די יודישע מעדכען-שולע איבערגעטראגען געווארען אין דער וואוינונג פון דער לעהרערין ווראצלאווסקא, אלעע 55, און געווארען א זעלבסטשטענדיגע שולע.

דאס זעלבע יאהר האט דער לאדזער שול-קוראטאר ה' פאן-בערג מיטגעטיילט די אפיעקונעס פון דער היגער עלעמענטאר-שולע, אז אויף זיין פערלאנג האט דער רעדאקטאר פון „יוטרזשענקא", דניאל נייפעלד, פערפאסט א בוך אונטער'ן נאמען „געדרענקטע דארשטעלונג דער מאזאשין לעהרער" און דער קוראטאר פערלאנגט צו קויפען א געוויסען סכום ביכער, פון וועלכע עס זאל געלערנט ווערען די יודישע רעליגיע. דער קאמיטעט האט איבערגעוויזען נייפעלד'ן 20 רובל, בעטענדיג איינצושיקען 134 ביכער צו 15 קאפעקען א שטיק; געלערנט איז אבער פון די ביכער נישט געווארען.

אליעזר קאפלאן (ירושלים)

מיטגליעד פון דער עקזעקוטיווע פון דער יוד. אגענץ.

# אויפבוי און נאציאנאלער קאפיטאל. *)

### מיט א יאהר צוריק.

איך דערמאהן מיך, ווי אזוי מען האט מיט א יאהר צוריק פארגעברייט די לאנדעס-קאנפערענץ פון „קרן היסוד" אין א"י און איך געדענק די שטימונג, וואס האט דאן געהערשט. די הענד האבען זיך אראבגעלאזט צוליעב'ן שווערען עול פון די חובות, וואס האבען אונז געדריקט, צוליעב דער גלייכגילטיגקייט פון א טייל פון ארץ-ישראל'דיגען ישוב, צוליעב דער געגנערשאפט פון א צווייטען טייל פון דאזיגען ישוב. די דאזיגע געגנערשאפט, וועלכע מען האט געפרובט בעהאלטען און האט זיך דאך געלאזט פיהלען — און פאר דעם אונגלויבען פון דער שאפונגס-מעגליכקייט פון דעם נאציאנאלען קאפיטאל. און ווען עס האט אנגעהויבען שטראמען דער פריוואטער קאפיטאל מיט אזא שפע, האבען פיעל געמיינט, אז עס איז שוין נישטא קיין ארט פאר'ן נאציאנאלען קאפיטאל. מיר אבער דוכט זיך, אז דאס היינטיגע יאהר עפענט א נייע תקופה אין אונזער ארבייט. איך האף, אז אין א יאהר ארום וועלען מיר קאנען זאגען, אז מיר האבען זיך בעפרייט פונ'ם שווערען עול פון די חובות. עס איז געווען א שווער יאהר. קיין שום נייע ווירטשאפטליכע שאפונג איז נישט צוגעקומען. אבער עס האט זיך געענדיגט די ירידה און עס האט זיך אנגעהויבען אנ'עליה. אונזער דעפיציט איז פערקלענערט געווארען מיט איבער 100.000 פונט און דאס גיט אונז די מעגליכקייט צוצוטרעטען צו ממשות'דיגע מעשים. פיעל מענשען האבען נישט געגלויבט אין דער בעדייטונג פון די נאציאנאלע קרנות און אויך יעצט זענען נאך ליידער דא אזעלכע, וועלכע גלויבען נישט אין דעם. מיר דארפען דערום אריינברענגען אינ'ם גאנצען יודישען פאלק די איבערצייגונג וועגען דער בעדייטונג פון נאציאנאלען קאפיטאל. די קומענדיגע יאהרען דארפען זיין אנ'איבערגאנגס-עפאכע אין אונזער ארבייט. מען דארף מאביליזירען די מאסען, מען דארף קומען צו יעדען יוד און פאדערן און מאהנען פון איהם פאר אונזער אויפבוי-ווערק. מיט דער דאזיגער פאדערונג דארף מען אויך קומען צו דער ארץ ישראל'דיגער ארבייטערשאפט. די יודישע אגענץ גיט א גרויסע בעדייטונג דער דאזיגער פאדערונג. איך ווייס נישט, צי עס איז דא נאך א לאנד אויף דער וועלט, וואו דער רוב איינוואוינער זאל זיך געפונען אין אזא גוטען מאטעריעלען צושטאנד, ווי אין ארץ-ישראל. און אויב ארץ-ישראל וועט זיך געגענשטעלען, וועט עס ווירקען אויף דער גאנצער וועלט און ארץ-ישראל דארף געבען מעהר ווי אלע. און אויב מען וועט מיך פרעגען וואס פאר א בעדייטונג האט דער נאציאנאלער קאפיטאל? ביידע קרנות דער „קרן היסוד" און דער „קרן הקימת" האבען דאך צוזאמען געזאמעלט נישט מעהר ווי בערך 400.000 פונט אין משך פון יאהר און ווען מען זאל אפילו דערצו צורעכענען די סכומים, וועלכע זענען געזאמעלט געווארען דורכ'ן הילפס-פאנד פאר די דייטשע יודען, וועט ווערען צוזאמען א סכום פון 450.000 ביז 500.000 פונט און דאגעגען איז אינוועסטירט געווארען אין ארץ-ישראל פאר דער זעלבער צייט ביז 10.000.000 פונט, וועל איך זאגען אז יעדאך איז זעהר גרויס די בעדייטונג פונ'ם נאציאנאלען קאפיטאל. עס איז געווען א תקופה פון חלוציזם אין פערשידענע הינזיכטען. דערונטער אויך אין דער הינזיכט פון נאציאנאלען קאפיטאל, וועלכער איז אייגענטליך דער חלוצישער קאפיטאל, אבער אין אונזער תקופה פון פראספעריטי, אין דער תקופה פון „עמיגראציע" אנשטאט עליה דארף מען דאך נישט — אזוי זאגט מען — קיין חלוציזם. אבער עס איז פונקט פערקעהרט! יעצט מעהר ווי שטענדיג דארף מען חלוציזם אין אלע הינזיכטען. ווייל אהן איהר ווערט דער ציוניזם געשטעלט פאר א געפאהר. דער ציוניזם, ווי מיר האבען איהם פערשטאנען, וויל נישט בלויז א געאגראפישע ענדערונג, אנ'איינפאכען מעכאנישען טהאט — און אפילו א גרויסע טהאט צו פערגרעסערן אונזער כמות. אמת, מיר קעמפען אויך פאר'ן כמות און מיר וועלען ווייטער פאר דעם קעמפען, אבער דאס אליין גענוגט נישט. די יסודות פון לעבען, פון קולטורעלען, געזעלשאפטליכען און ווירטשאפטליכען דארפען זיך ענדערן. מיר ווילען אויפשטעלען א ניי פאלק. דאס איז אונזער שטרעבונג, די שטרעבונג פאר בעפרייאונג און אויפלעבונג. אין הינזיכט פון כמות קאנען מיר בעצייכענען וויכטיגע עראבערונגען — אמת, זיי בעפרידיגען אונז נישט, ווייל די ליידען פון אונזער פאלק זענען צו-גרויס און ווען עס געהען אפילו איצט אריין אין לאנד 50 טויזענד יודען א יאהר — א ציפער, וועגען וועלכער מיר האבען אפילו נישט געהאט די העזה צו טראכטען — קאנען מיר זיך דאך מיט דעם נישט בעגנוגענען. מיר קעמפען פאר דער פערגרעסערונג פון דער צאהל און מיר מוזען דאך מודה זיין, אז עס איז שוין א וויכטיגע דערגרייכונג. און אויב עס וועט נישט זיין די מעגליכקייט פארטצוזעצען די זאך מיט אזא טעמפא, איז גאר קיין צווייפעל נישט, אז אין משך פון עטליכע יאהר וועלען מיר די דאזיגע ציפער פערדאפלען און אונזער קראפט וועט זיך אזוי פערגרעסערן, אז מיר וועלען שוין נישט זיין אבהענגיג פון אויסערליכע חסדים און אין אינערליכע אויפפרייסלונגען און דאס וועט זיין די התחלה פון דער פערווירקליכונג פונ'ם ציוניזם.

### שטאדט און דארף.

מען בעקלאגט זיך דערויף, וואס צעהנער טויזענדער אנקומענדע עולים קאנצענטרירען זיך אין די שטעדט. דאס וואלט געקאנט זיין א ברכה פאר דער שטאדט, אבער עס איז א בעקאנט שפריכווארט: „דאס הימעל איבער'ן קאפ פון א פאלק איז אזוי גרויס ווי די ערד אונטער זיינע פיס" און די מאס פון אונזער באדען איז נישט צענער טויזענדער דונאם נאר פיקען. אין פערגאנגענעם יאהר האט מען אדורכגעפיהרט אין טאבו באדען פאר 6 מיליאן פונט, דערפון איז איבערגעשריבען געווארען פון יודען צו יודען פאר א סכום פון 5.600.000 און נאר פאר 400,000 פונט פון נישט-יודען. דער יודישער באדען-בעזיץ האט זיך פערגרעסערט אין פראספעריטי-יאהר נאר מיט 128.000 דונאם.

איך רעד דא נישט אלס געגנער פון שטאדט — אויך זי האט אין זיך א מזל-ברכה! זי שאפט א ברייטען מארק און דורך איהר וואלט זיך אויך געקאנט פערברייטערן דאס דארף — איינס דאס צווייטע דארף זיך ערגענצען. דער יודישער ישוב פערברויכט גרינס פאר א האלבען מיליאן פונט און צוליעב דעם אליין וואלט מען געדארפט אויפשטעלען טויזענדער ווירטשאפטען אויף גרינווארג און דאס גיט א מעגליכקייט צו בעזעצען נאך א 2 טויזענד משפחות. און ווי איז די ווירקליכקייט? מיר שטעלען צו נאר 10 פראצענט פון דעם, וואס איז נויטיג און די רעשט קומט פון פרעמדע, אדער פון אויסלאנד. עס געהט און עס ענטוויקעלט זיך א קערפער מיט א זעהר גרויסען קאפ און די פיס זענען אפילו נישט פון קיין ליים.

10.000.000 פונט זענען אינוועסטירט געווארען אין ארץ-ישראל דורך יודען. 50 פראצענט דערפון אין געביידעס, פון 20—25 פראצענט אין פרדסים, 10 פראצענט אין אינדוסטריע און נאר 2 פראצענט אין לאנדווירטשאפט. אויך די אינדוסטריע ענטוויקעלט זיך נישט ענטשפרעכענד צום וואוקס פון ישוב און וועגען דער לאנדווירטשאפט איז דאך שוין אבגערעדט.

אין דארף וואוינען 22 פראצענט פון ישוב. אבער דאס איז נאר פארמעל, ווייל אויך אין דארף פערמינערט זיך

*) דאס ארטיקעל פון ה' א. קאפלאן איז א תמצית פון זיין רעפעראט אויף דער לאנדעס-קאנפערענץ פון „קרן היסוד", וועלכע איז פארגעקומען אין תל-אביב דעם 9 דעצעמבער ה. י.
די רעדאקציע.

# וואס געהערט, וואס געזעהן.

### ואלה שמות...

און דאס זענען די נעמען פון די דייטשע פילמען, וועלכע קיין איין יוד דארף נישט געהן זעהען.

דער היגער סוחרים - פעראיין האט ענדליך אנגענומען די ווענדונג פון צענטראלען אנטי-היטלער-קאמיטעט און צוגעשיקט אין די יודישע רעדאקציעס א ליסטע פון א רייהע פילמען, וואס ווערען אויסגעארבייט אין דער דייטשער פילם-פירמע „אופא" און וועלכע דארפען באיקאטירט ווערען.

ווען כ'האב אדורכגעקוקט די דאזיגע שמות, האב איך אויפגעציטערט, ווייל צווישען אונז זאל עס פלייבען בין איך אליין געווען אויף עטליכע פון די דאזיגע פילמען. נאטירליך האט מיך נישט געחלומ'ט, אז דאס איז א דייטשער פילם און אזוי ווי איך, אויך אנדערע יודען, ס'איז דעריבער א שאד, וואס די דאזיגע ליסטע איז ערשט איצט פערעפענטליכט געווארען, אבער בעסער שפעטער ווי קיינמאל נישט. זאלען כאטש יעצט די יודען וויסען, אז בעת ס'וועט דעמאנסטרירט ווערען אין איינעם פון די היגע קינא'ס איינס פון די אויסגערעכענטע פילמען, זאל קיין איין יוד נישט געהן און היות ווי די יודען זענען אין א גרויסער צאהל בעזוכער פון די קינא'ס, וועלען ממילא די אייגענטימער מוזען רעזיגנירען פון די דאזיגע בילדער.

ביי דער געלעגענהייט מוזען מיר אבער אויך טאדלען אונזערע יודען, איבערהויפט די אזוי-גערופענע אריסטאקראטען, וועלכע האבען נישט-קוקענדיג אויפ'ן באיקאט, דאך בעזוכט לעצטענס דאס קינא, וואס האט דעמאנסטרירט דעם דייטשען פילם, דערפאר אבער האט דער ברייטער עולם ארויסגעוויזען [זיין] אויסגעהאלטענקייט און אין קינא נישט געגאנגען.

זאל יעדער יוד בעהאלטען די ליסטע פון די דייטשע פילמען (ארויסשניידען פון דער צייטונג) און אויב ער וועט האבען א ספק צי דאס געגעבענע בילד איז פון דייטשער פראדוקציע, זאל ער ארויסנעמען די ליסטע און נאכקוקען, צי ס'געפינט זיך אין צעטיל פון ואלה שמות...

### יודישע הויזווירטען, נעמט אייך אראב א מוסר-השכל!

נישט וועגען אלע געמיינהייטען און אכזריות, וואס יודישע בעלי-בתים, צווישען זיי אויך רחמנות'דיגע כלל-טהוער, טהוען אב זייערע ארימע לאקאטארען, שרייבט מען, ווארום עס ווערט מיאוס צו שרייבען וועגען דעם, דערפאר אבער וויל איך בעשרייבען א הערליכען גוטען טהאט פון א קריסטליכען הויזווירט געגענאיבער זיין ארימען יודישען לאקאטאר, פון וועלכען אונזערע פני זאלען זיך אראבנעמען א מוסר-השכל.

אויף דער ווארשאווער גאס № 13 וואוינט אנ'ארימע אלמנה מיט עטליכע קינדער, אז זי צאהלט נישט קיין דירה-געלד, איז דאך קיין פראגע נישט, נאר אז זי האט אפילו אויף קיין ברויט פאר די קינדער אויך נישט, איז א פאקט. איז דער קריסטליכער ווירט — לאקאטא איז זיין נאמען — געקומען אין דער קאנצעלאריע פון דער קהלת און אזוי געזאגט: ביי מיר אין הויז וואוינט די דאזיגע ארימע אלמנה מיט איהרע קינדער, מילא, מיין דירה - געלד בין איך מוחל (איהר הערט, יודישע בעלי-בתים?) נאר מען מוז דאך איהר שאפען די מעגליכקייט צו לעבען, וואלטען די קינדער געוואלט עסען ביי מיר — טענה'ט ווייטער דער קריסט — וואלט איך זיי מיט פערגעניגען געגעבען, ווילען זיי דאך אבער נישט, לכן איז אייער אויפגאבע זיי אונטערצושטיצען.

דער קריסטליכער ווירט איז נישט אוועק פריהער פון דער קהלה, ביז ער האט נישט פאר איהר אויסגעפועל'ט א גרעסערע אונטערשטיצונג, דאן איז ער אוועק אין א צווייטע געזעלשאפט, וואו ער האט אויפגעפועל'ט קארטאפעל, דאן אין די „תומכי עניים", אז מען זאל איהר געבען יעדען שבת חלות מיט ברויט אז"וו.

דאס איז בלי - ספק אנ'איידעלער טהאט פון דעם קריסטליכען הויזווירט. ליידער קאן איך כלומר'שטע [ג]אנץ שעהנע יודען, וואס פרעטענדירען ביי אונז אויף די העכסטע גבאות און שרעקען זיך גארנישט אן אפילו ארויסצווארפען אויפ'ן ברוק ארימעלייט.

זאל דער דאזיגער איידעלער טהאט פון דעם קריסטליכען הויזווירט זיין א מוסר-השכל פאר די יודישע בעלי-בתים.

### מיר שווערען נישט...

קוקט איהר זיך צו, ווי אזוי אונזערע יודען האנדלען, וועט איהר בעמערקען, אז בעת זיי קאנען נישט אדורכקומען מיט'ן קונה, דהיינו: אז דער קונה וויל נישט געבען דעם געפאדערטען פרייז, פליהען שבועות אזוי ווי די העלצער. ווער שמועסט מארק-הענדלער, האבען א ספעציעלען לעקסיקאן פון שבועות. זאלען אבער די-זעלבע יודען דארפען כאטש איין שבועה אבגעבען אין שוהל, איז היי-מעל עפען זיך, וועלען יודען וועלטען איינרייסען און נישט דערלאזען צו דער שבועה.

איך געדענק נישט, צי ס'איז שוין ווען אמאל פארגעקומען א שבועה אין שוהל, כאטש אזעלכע זאכען ווי קומען אין שוהל אריין שווערען, טרעפט זעהר אפט; געשוואוירען אבער האט מען נאך קיינמאל נישט און אויב יא — איז עס איינס פון טויזענד.

יענע וואך האט אויך געדארפט פארקומען אזא שבועה אין [ש]והל. עס איז שוין אנוועזענד דער ריכטער, אדוואקאט, מורה-הוראה, נאר די בעלי-דינים פעהלען און ווען זיי קומען אן רינגעלט מען זיי ארום, מענשען לייגען זיך אריין, ווילען אויסגלייכען, אבי עס זאל נישט קומען צו קיין שבועה.

יודען האבען שוין צוליעב דעם, וואס מען לאזט זיי נישט שווערען היזק געהאט א סך געלד און מעגליך אז א סך אפעריסטען רעכנען אויס פון פאראויס, אז מען וועט דעם תובע נישט לאזען שווערען, דעריבער וועט ער, דער נתבע, זיך ראטעווען זיין געלד, ווארום ביי אזא אויסגלייכעניש ליידט שוין דער מאהנער, אבער אזוי איז עס: א יוד וועט באדיי היזק האבען וויפיעל, אבי ער זאל נישט דער-

דאָס לאַנדווירטשאַפט. זאָל געבענשט זיין פּריוואַטער קאַפּיטאַל! ער מאַכט מעגליך אַ גרויסע עליה, עפענט דעם וועג פאַר דער פערווירקליכונג פון אַ ברייטען ציוניזם. אָבער, אויב קיין ארץ־ישראל וועט קומען נאָר דער פּרי־וואַטער קאַפּיטאַל וועט עס זיין דאָך אַ גרויסע סכנה, ווייל דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל געהט אויף דער ליניע פון לייכטסטען ווידערשטאַנד. צוליעב דעם האָט די לאַנדווירטשאַפט נישט געקאָנט קאָנקורירען מיט די פּרדסים פּלאַנטאַ־ציעס, די פּלאַנטאַציעס מיט דער אינ־דוסטריע און די אינדוסטריע מיט דעם מגרשים־האַנדעל. אויב מיר שטרעבען צו זיין אַ אומאָבהענגיג פאָלק איז פאַר אונז זעהר וויכטיג די פראַגע פון באָ־דען — דאָס דאָרף, דאָס לאַנדווירט־שאַפט, און אויך די פראַגע פון דער אינדוסטריע. אָהן חלוציזם, אָהן חלוצי־שען קאַפּיטאַל וועלען מיר דאָס אַלץ נישט האָבען. די רעגירונג ווען זי האָט אונז לעצטענס בעשטימט די קוואָטע סערטיפיקאַטען האָט פון אונז פערלאַנגט, אַז מיר זאָלען אַוועקגעבען 3.800 סערטיפיקאַטען פאַר די עולים וואָס געהען אין דאָרף — מיר נעהמען אָן מיטלען, כדי צו פערזיכערען די עליה אין דאָרף אַריין; מיר האָבען אָנגעהויבען אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבייט צווישען דער יוגענד, וואָס דאַרף עולה זיין, מיר האָבען בעוויזען, אַז די עליה אין דאָרף אַריין איז דער געבאָט פון מאָמענט; מיר פאָדערען אויך שריפטליכע התחייבות'ן. איך שאַץ זעהר אָב יעדע אויפקלערונגס־אַרבייט און אָרגאַניזאַציע, אָבער לאָזען מיר זיך פערטראַכטען אויף אַ רגע וועגען דער לאַגע וואָס הערשט אין דאָרף און אין דער קאָלאָניע, בעזונדערס אין דער קאָלאָניע, וואָס איז נאָהנט צו דער שטאָדט! אַ גענויע אויספאָרשונג האָט אונז בעוויזען, אַז 70 פּראָצענט פון די קאָלאָניע־אַרבייטער פערדינען ווייניגער ווי 7 פונט אַ חודש, צווישען זיי זענען דאָ פיעל בעלי־משפחה. עס איז נישט שווער צו עקזיסטירען דאָרט אַלס אַרבייטער. אויב עס זאָל געהען אין דאָרף אַריין אפילו אַ העלפט פון דער נויטיגער צאָהל וועט די דירות־לאַגע אין דאָרף און אין קאָלאָניע ווע־רען אונערטרעגליך. מען וועט דאַרפען אינוועסטירען אין בנינים פאַר די אַר־בייטער אין די קאָלאָניעס ביז 40.000 פונט. אָבער דאָס איז גאָר נישט אַלץ. דער אַרבייטער איז נישט מעהר ווי מענש און אין דער צייט, ווען אין דאָרף קאָן ער אַלס שכר־יום נישט פער־דינען מעהר ווי 20 פּיאַסטער אַ טאָג און אין שטאָדט ביז 50 פּיאַסטער איז איהם שווער צוצוציהען צום דאָרף. אויב מיר ווילען איהם נישט געבען קיין אידעאַל, אויב מיר וועלען איהם נישט פערזיכערען קיין נאַציאָנאַלע קאָ־לאָניזאַציע, אויב ער וועט נישט וויסען אַז ער פערבלייבט נישט אייביג קיין שכר־יום, וועט נישט זיין קיין לאַנד־ווירטשאַפט און קיין אַרבייטער אין דאָרף.

די איינוואוינער פון כפר ויתקין, וועלכע האָבען נעכטען געפייערט זייער 5־יעהריגען יובל האָבען מיר דער־צעהלט, אַז זיי זענען ארויס מיט 5 יאָהר צוריק אויפ'ן באָדען האָט מען פון זיי חוזק געמאַכט און זיי גע־דראָהט, אַז מען וועט זיי מיט קראַפט אַראָבטרייבען פון באָדען, האַלטענדיג זיי פאַר משוגעים — עס האָט דאַן נאָך געהערשט מאַלאַריע, עס האָט געדראָהט אַ געפאַהר פאַר זיי און זיי־ערע קינדער און קיינער האָט דאַן נישט געקענט זאָגען פונוואַנען מען וועט נעהמען געלד פאַר זייער עק־זיסטענץ.

אין עמק לעבען יעצט איבער טוי־זענד נפשות, דאָס איז 400 משפחות. עס איז דאָ צווישען זיי אַ סוג אַרביי־טער און אַ קאַטעגאָריע מיטעלשטאַנד. דער מיטעלשטאַנד וואוינט אין 28 פּראָצענט אין די שטעדט און די אַר־בייטער, וואָס זיצען אויפ'ן באָדען בע־אַרבייטען אויך דעם באָדען פונ'ם דאָ־זיגען מיטעלשטאַנד און פערדינען אַזוי אויף זייער עקזיסטענץ. זיי האָפען, אַז מיט דער צייט וועלען זיי זיך בעפריי־ען פון זייערע חובות און קאָנען בע־אַרבייטען זייער אייגענעם באָדען, אָבער ווען וועט עס זיין? אין נאָך 5 יאָהר אַרום. אין 5 יאָהר אַרום — און דערווייל ווערט דער אַרבייטער אַלט. אויב עס וועט נישט קומען דער נאַצי־יאָנאַלער קאַפּיטאַל איהם אָבראַטעווען דראָהט אַ געפאַהר, אַז דער עקספּע־רימענט וועט נישט געלונגען.

## די פערברייטערונג פון אונזערע גרעניצען.

איהר האָט אַלע געוויס געהערט וועגען דעם ענין חולה. אויף אויס־טריקענען חולה וועלען מיר דאַרפען אינוועסטירען 6–7 הונדערט טויזענד פונט. אָבער צי האָבען מיר דערמיט פערברייטערט אונזערע גרעניצען אין לאַנד? מיר האָבען דאָך בלויז מ ע ג־ל י ך  ג ע מ א כ ט דורך דעם די פערברייטערונג פון די גרעניצען, אָבער זיי נאָך נישט פערברייטערט. די פער־ברייטערונג, וועט נאָר דאַן קומען אויב דער באָדען וועט פערבלייבען אַלס אייגענטום פונ'ם גאַנצען פאָלק. אויב, אָבער, מיר וועלען זיין געצוואונ־גען צוליעב מאַנגעל אין מיטלען אי־בערגעבען דעם באָדען אין פּריוואַטע הענד — און נאָכמאָל זאָג איך: אַז איך בין נישט קיין געגנער פון פּרי־וואַטען קאַפּיטאַל, אָבער ווען איך בין הייגט דורכגעגאַנגען דורכ'ן „גן ליט־בינסקי" און דאָרט געזעהען אַ גרויסע העברעאישע שריפט און דערביי גע־זעהן, אַז אין די פּרדסים דאָרט אַר־בייטען פרעמדע אַרבייטער בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל וועט דעם נאַציאָנאַלען נישט פערטרעטען.

## אתחלתא דגאולה.

דער עמק חולה קאָן שפּייזען ביי אַ 2 טויזענד משפחות. מיר לעבען אין אַזאַ ציוניסטישע תקופה, וועלכע קאָן פערעכענט ווערען אַלס אתחלתא דגאולה, אויך די, וואָס האָבען תמיד געצווייפעלט און די פּעסימיסטען צווי־שען אונז הויבען אָן גלויבען אין דער פערווירקליכונג פונ'ם ציוניסטישען חלום, אָבער די יעצטיגע תקופה איז אויך די תקופה פון אונזערע פאָלקס־ליידען — ארץ־ישראל ווערט געבויט אויפ'ן חשבון פון די ליידען פונ'ם יו־דישען פאָלק. מיר לעבען אין אַ תקופה אין וועלכער עס איז פערהאַן אַ סך אויסזיכטען. גרויסע מעגליכקייטען פון שאַפען און בויען. אָבער די דאָזיגע תקופה שאַפט אויך גרויסע סכנות. ווען מיר וואָלטען שוין געהאַט אַ אייגענע מדינה, וואָלט זיך אונזער רעגירונג געקענט פאַר אונז אָנגעהמען. אָבער מיר האָבען נישט קיין פּאָליציי, מיר האָבען נאָר אַ אינערליכע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. „אונזער רעגירונג" מוז זיך איינמישען אין אונזער ווירט־שאַפטליכען לעבען נישט נור דורך פּרעדיגען מאָראַל, נאָר אויך דורך אָב־ריינינגען די שטיינער און שטרויכלונ־גען, וואָס שטעהען אויף אונזער וועג. דאָס יאָהר האָבען מיר אָנגעהויבען געהן אויפ'ן דאָזיגען וועג.

## די הלוואות.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך דאָ דערביי אויך געפאַהרען. מיר האָבען זיך געעפענט דעם וועג צום אינטער־נאַציאָנאַלען וועג, דורך גלויבען אין אונזער קראַפט, דורך ענערגיע קאָנען מיר אויסטרעטען זיך דעם וועג צו דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל. אָבער עס דראָהט אַ געפאַהר, אויב מיר וועלען פריהער נישט שאַפען אונ־זער נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל. צוזאַמען מיט'ן פּריוואַטען קאַפּיטאַל און מיט'ן אינטערנאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל וועלען מיר קאָנען פערדאָפּלען און פערדריי־פאַכען אונזערע ערובערונגען אין לאַנד. מיר דאַרפען שטרעבען דערצו, אַז פון די 50.000 עולים אַ יאָהר זאָ־לען מינדעסטענס 10.000 געהן אין דאָרף. מיר דאַרפען דערצו אויפצושטע־לען איינצעלנע לאַנדווירטשאַפטען אַ יאָהר. דערצו דאַרף מען אַ קאָלאָניזאַ־טאָרישען בודזשעט פון 700.000 פונט. און אַנ'אַלגעמיינעם פון אנדערהאַלבען מיליאָן פונט אַ יאָהר. צי איז דאָס אויסגעשלאָסען? מיר דאַרפען קומען פאַר דער וועלט און אויפקלערען די נויטווענדיגקייט דערפון. דערצו זענען זענען נויטיג 3 זאכען: 1) גלויבען, 2) אָרגאַניזאַציע און 3) אַריינברענגען די אויבענדערמאַנטע 2 זאַכען אינ'ם הארץ פון פאָלק. איך גלויב, אַז מיר וועלען דאָס בעווייזען!

# פרייע טריבונע.

# דער קריזיס אין דער חלוצישער בעוועגונג און זיינע סיבות.

די חלוצישע בעוועגונג לעבט אַדורך זייט עטליכע מאָנאַטען אַ גרויסען קרי־זיס. עס האָט זיך געשאַפען אַ לאַגע פון רעעמיגראַציע. מען פאָהרט צוריק פון הכשרה, אָדער בעסער געזאָגט, מען רעעמיגרירט פון דער הכשרה. אַנ'־אויפריכטיגער פריינד פון דער חלוצי־שער בעוועגונג פרעגט זיך: וואָס איז געוואָרען און צי איז מעגליך, אַז די הייגטיגע ציוניסטישע עקזעקוטיווע, וועלכע שטיצט זיך הויפּטזעכליך אויף די חלוצישע מאַסען, זאָל נישט שטי־צען זייערע פאָדערונגען; צי איז דאָס מעגליך?

מיר אָבער מוזען די פראַגע בעהאַנ־דלען זעהר פאָרזיכטיג, נישט איבער־טרייבען, נישט וואַרפען קיין שמוץ אויף קיינעם און זיך פערטראַכטען, וואָס ס'האָט באמת געבראַכט דעם קריזיס אין דער חלוצישער מחנה.

עס זענען דאָ דריי הויפּט־סיבות, וואָס האָבען געבראַכט צום הייגטיגען קריזיס אין דער חלוצישער בעוועגונג: די ערשטע סיבה איז דער אונגאָרמאַ־לער וואוקס פון „החלוץ". דער „החלוץ" איז אויפגעוואַקסען צו אַ גרויסער בע־וועגונג. עס איז אַריינגעקומען אַ גרוי־סער טייל פון אַ נישט־געוואונשענעם עלעמענט, וועלכער האָט נישט געמיינט די הכשרה, נאָר דעם סערטיפיקאַט, אָדער אפשר אַ גרויסער טייל אויך אַזעלכע, וואָס זענען געווען אינדער־היים פּרנסה'לאָז און האָבען געפינען זייער עיר־מקלט אין קבוץ אָדער קבוצה.

מיר ווייסען אַלע, אַז די הייגטיגע הכשרה איז מעהר שוין נישט קיין פּיאָ־נערען־פראַגע, עס איז אַ ריין־עקאָנאָ־מישע פראַגע. מען פאָהרט אויף הכשרה, ווייל מען איז עקאָנאָמיש אונטערגע־בראָכען און אויך, כדי צו בעקומען אַ סערטיפיקאַט און צו קענען עולה זיין אין דעם לאַנד פון „פּראָספּעריטי". מען מוז קומען צום אויספיהר, אַז די חלו־צישע בעוועגונג האָט געהאַט אַ צו־שנעלען וואוקס אָהן אַ תוכן און ביי דער קלענסטער ענטוישונג איז געקו־מען דער איבערברוך.

די צווייטע סיבה איז די סערטיפי־קאַטען־צעטיילונג פאַר דער „אגודה". מיר האָבען נישט בדעה צו קריטיקי־רען די הייגטיגע עקזעקוטיווע, אָבער מיר ווילען נאָר אָנווייזען אויף אַנ'ער־שיינונג, וואָס האָט געבראַכט צום אונטערברוך פון „החלוץ" און נעמליך: די עקזעקוטיווע האָט ביי דעם פער־גאַנגענעם שעדיול צוגעטיילט דער „אגודה" עטליכע הונדערט סערטיפי־קאַטען, אָדער בעסער געזאָגט אַוועק־גענומען זיי דער חלוצישער מחנה אין פּוילען און אין אַנדערע לענדער און זיי אַוועקגעגעבען דער „אגודה" און דאָס אין אַ צייט, ווען פון די חלוצים פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט מען געפאָדערט און מען פאָדערט ווייטער אַ קאָנטראַקט, דאָס זיי וועלען געהן אין דאָרף, מען פאָדערט פון זיי 3 יאָהר הכשרה א. א. וו., אין דער־זעלבער צייט קומען די אגודה'שע יונ־געלייטלעך, וועלכע האָבען אפילו נישט בדעה צו געהן אין דאָרף, מען פאָהרט אויף הכשרה אויף 3–4 מאָנאַטען און ערלעדיגט.

מיר קענען הייגט טרעפען אַזעלכע ציוניסטען, וועלכע האָבען זייער גאַנץ לעבען אַוועקגעגעבען פאַר'ן ציוניזם. זיי לויפען אַרום איבער פערשידענע ציוניסטישע אַמטען און בעמיהען זיך וועגען אַ סערטיפיקאַט, אָבער מען ענט־פערט זיי: איהר מוזט וואַרטען. פון דער צווייטער זייט זעהען מיר אגודה'שע יונגעלייטלעך, וועלכע זענען נעכטען געווען פערביסענע געגנער פון ציו־ניזם און זענען עס הייגט ווייטער, וואָס לאַכען אָב פון די ציוניסטישע טהוער און זאָגען זיי: וואָס, איהר וועט פאָהרען קיין ארץ־ישראל? אה, ניין! נישט איהר, נאָר מיר, די געגנער פון ציוניזם, וועלען פאָהרען און איהר מוזט דאָ בלייבען!

דער דאָזיגער צושטאַנד שאַפט אונ־צופרידענהייט, רופט אַרויס פּראָטעסטען און ברענגט צו רעזיגנאַציע.

די דריטע סיבה איז די סערטיפיקאַ־טען־צעטיילונג פאַר'ן פאַבריקאַנטען־פערבאַנד אין ארץ־ישראל, אויף וועל־כען די עקזעקוטיווע קען אפילו איהר קאָנטראָל נישט האָבען. דאָס הייסט קלאָר און דייטליך, מען האָט צוגענו־מען 800 סערטיפיקאַטען, וואָס זענען געווען בעשטימט פאַר 1600 חלוצים, וועלכע מאַטערן זיך אין די גרויסע היצען און קעלטען אין די הכשרה־פּונקטען און זיי איבערגעגעבען צום פאַבריקאַנטען־פערבאַנד, וועלכער וועט זיך אויסוועהלען דאָס מענשען־מאַטער־יאַל לויט זיין ווילען און לויט זיין אַנ־שויאונג — און דאָס איז דאָס גרעסטע אונרעכט, וואָס האָט געקאָנט פּאַסירען אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטי־שער בעוועגונג.

דאָס און יענץ, דער ערב־רב, וואָס האָט זיך אַריינבעקומען אין די רייהען פון ריינעם חלוציזם, דאָס געבען נעכ־טיגע שונאי־ציון אָהן שום שוועריגקיי־טען איינרייזע־ערלויבנישען קיין א"י, אין דער צייט ווען אמת'ע חלוצים מו־זען וואַרטען יאָהרען לאַנג און אַדורכ־געהן שבעה מדורי גיהנום, ביז איינער פון הונדערט ווערט בעגליקט מיט אַ סערטיפיקאַט. און ווייטער—דאָס אַוועק־רויבען פון די חלוצים די דורך שווייס און אָפּפערווילליגקייט פערדינטע סער־טיפיקאַטען און אַזעלכע איבערגעגעבען צו דער דיספּאָזיציע פון רייכע אינדו־סטריעלער און אַגראַריער — דאָס אַלץ מוז דערפיהרען צו ענטוישונג, צו רע־זיגנאַציע און אין רעזולטאַט — צו אָב־סטינענץ און דעזערציע פון דער חלו־צישער מחנה.

אַזאַ בע'עוולה'נדע בעציהונג צום חלוציזם קאָן נישט פערבלייבען און עס מוז קומען צו אַ גרינדליכער רעוויזיע און צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג.

ק. לייזעראָוויטש, ווילנע.

פען שווערען אין שוהל.

אַרויסגעהענדיג פון שוהל האָט דער מורה־הוראה זיך געריהמט פאַר מיר, אַז יודען זענען אַ טייער פאָלק. מיר — זאָגט ער מיט טריומף — מיר שווערען נישט...

## כל שומר זונטאג כדת מחללו.

ס'איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען אונזערע יודישע כלל־טהוער האָבען געחלומ'ט, אַז ס'וועט זיי געלונגען אויסצוקעמפען דאָס מען זאָל אָבשאַפען דעם זונטאָג־רוה, וואָס איז אַ קאַ־טאַסטראָפע פאַר דער יודישער בעפעל־קערונג. איז לא־די, וואָס דער זונטאג־רוה איז ביז יעצט נאָך נישט אָבגע־שאַפט געוואָרען, נאָר פערקעהרט — ער איז נאָך הארבער געוואָרען און יודען ליידען זיך זעהר פיעל אָן פון דער זונטאג־רוה־מתנה.

מען דערצעהלט, אַז אין לאָדז, למשל, ווענדעט מען אָן ספּעציעלע שטיקלעך, כדי צו כאַפּען יודישע גע־שעפטען, האַנדווערקער ־ וואַרשטאַטען ביי זייער בעשעפטיגונג און דאַן ווע־רען זיי בעשטראָפט מיט האַרבע שטראָ־פען. אויך ביי אונז אין שטאָדט ווערט דער דאָזיגער זונטאָג־רוה שטאַרק אָב־געהיטען, אַז מען זאָל חלילה נישט מחלל־זונטאג־זיין, און ווען ס'קומט זונ־טאג, ווערען די אָרדנונגס־היטער אוי־סערגעוועהנליך טעטיג, מען 'זוכט און מען נישטערט אין אַלע ווינקעלעך און אַז מען זוכט, געפינט מען... און אַך און וועה איז צו די, וואָס האַלטען נישט דעם זונטאָג־רוה, קריגען זיי נישט זייער שכר אויף יענער וועלט, נאָר קומען־אָב באַלד אויף דער וועלט מיט אַ פּראָטאָקאָל און אַ האַרבע שטראָף, אַזוי ווי עס שטעהט אין פּסוק! כל שומר זונטאג כדת מחללו...

## דער סאָציאַליסטישער הויזווירט.

אין די בונדישע קרייזען איז פער־האַן אַנ'אַלטער חבר, וועלכער האָט אַמאָל גענומען אַנ'אַקטיווען אַנטייל אין דער אונטערערדישער סאָציאַליסטישער אַרבייט, איבערהויפּט ביים „בונד".

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, וואָס דערזעלבער חבר האָט קיינמאָל נישט אויסגעטהון די ספּעציפישע יודישע הלבשה. כ'געדענק, ס'איז געווען אין 1916־טען יאָהר, ווען ס'איז געקומען קיין טשענסטאָכאָוו דער פיהרער פון „בונד", וולאַדימיר מעדעם, איז דער דאָזיגער חבר געקומען צופאָהרען פון דער דערביי־איגער שטאָדט, וואו ער האָט געוואוינט, כדי מקבל־פּנים צו זיין דעם פיהרער מעדעם. די בעגע־געניש איז דאַמאָלס געווען אַזאַ האַר־ציגע, אַז זי האָט געמאַכט אַ געוואַל־דיגען איינדרוק אויף אַלעמען.

אָט דער אַלטער בונדישער חבר וואוינט הייגט אין טשענסטאָכאָוו און איז אַ הויז־אייגענטימער, לויפט אַרום מיט די בעלי־בתים און מסתמא לערנט ער זיך פון זיי, ווי אַזוי מען קריגט אַרויס דאָס דירה־געלד פון די ווידער־שפּעניגע לאָקאַטאָרען. זיין הלבשה איז מאַקע די זעלבע, אַ לאַנגע יופּיצע מיט אַ יודיש היטעל און אַ גרויסע בלאָנדע באָרד. דאָך, אַז ס'קומט צו פאָהרען אַ בונדישער גדול, גיט דעם אַלטען חבר אַ טיאַכקע אין הארצען און ער קומט צו געהן אויף דער פאָר־לעזונג.

פרייטאָג־צו־נאַכטס איז דאָ געווען די פרוי דובנאָווא־ערליך, אַ טאָכטער פון דעם בעוואוסטען היסטאָריקער שמעון דובנאָוו און אַ פרוי פון דעם בעוואוסטען בונדישען פיהרער אדוו. ערליך, איז אין די ערשטע רייהען גע־זעסען דער אַלטער סאָציאַליסטישער טהוער און היינטיגער הויז־ווירט מיט זיין טראַדיציאָנעלער הלבשה.

ווער קאָן פערשטעהן די נשמה פון אַזאַ איינעם, וועלכער מוז נעביך שפּי־לען די ראָל פון אַ הויז־ווירט, האָפענ־דיג אַ סאָציאַליסטישע נשמה.

## מען איז מנדר פאַר'ן שפּיטאָל.

אַזוי איז מיט אונזערע יודען: כל זמן דער חלף ליגט נישט אויפ'ן האַלז, ריהרען זיי זיך נישט פון אָרט.

דאָס איז נישט בלויז ביים צאָהלען פּאָדאַטקעס אָדער ביי אַנדערע פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט אויזשפּנ־דען נאָר אפילו ביי היימישע פליכטען, וואָס מען איז שולדיג פאַר אייגענע אינסטיטוציעס.

איך האָב דאָ אין זינען דאָס יודישע שפּיטאָל.

די דאָזיגע אינסטיטוציע איז, ווי כ'האָב שוין געשריבען, די פּערל פון אונזערע טשענסטאָכאָווער געזעלשאַפטען. די גאַנצע צייט האָט זיך זעלטען ווער פעראינטערעסירט, צי די דאָזיגע אינ־סטיטוציע האָט יאָ די מעגליכקייט צו עקזיסטירען, צי נישט. ווען אָבער דער חלף ליגט שוין אויפ'ן האַלז, ווען מען זעהט, אַז די וואונדערבאַרע אינסטי־טוציע געהט אונטער, האָט זיך דער עולם ערשט געגעבען אַ ריהר און מען הויבט אָן צו שענקען געלד.

אין דער שטאָדט־שוהל איז דעם לעצטען שבת פאָרגעקומען אַ „בעשי־טונג" פון אַנ'אָנגעזעהענעם בעל־הבית'ס אַ זוהן, האָבען די מחותנים בעקומענ־דיג עליות, כסדר מנדר געווען פאַר'ן שפּיטאָל.

ווי מיר ווערען געוואויר, ווערען אויך אין אַנדערע שוהלען און מנינים בעת קריאת התורה די נדרים פערווענ־דעט פאַר'ן יודישען שפּיטאָל.

## הירצקע וואַסערטרעגער.

ווען כ'בין נאָך געווען אַ קליין יונ־געל, געדענק איך ווי צו אונז אין שטוב האָט געברענגט וואַסער הירצקע וואַסערטרעגער, וועלכער איז געווען אָנגעטהון אין אַ זעלנערשטען מאַנטעל (ער איז ערשט געהאַט געקומען פון מיליטער און נישט געהאַט אָנצוטהון קיין ציוויל ־ קליידער). שפּעטער האָט הירצקע חתונה־געהאַט און זיין ווייב האָט איהם געבוירען קינדער.

ווען מען האָט איינגעפיהרט קאַנאַלי־זאַציע, האָט הירצקע וואַסערטרעגער פערלוירען זיין פּרנסה און האָט אָנגע־הויבען געהן איבער די טהירען.

אַלע האָבען געהאַלטען הירצקע'ן פאַר אַ שטיקעל תם, נאָר לעצטענס ווייזט זיך אַרויס, אַז הירצקע איז שוין גאָר קיין נאַר נישט. הירצקע געהט אין גאַס און פלוצים פאַלט ער אַנידער, ווערט דאָך אַ צוזאַמענגעלויף און ווען מען דערמינטערט איהם, ריקט איהם יעדער אַריין אַ פּאָר גראָשען. מ'האָט איהם זאָגאָר שוין אַ „פערחלש'טען" געבראַכט אין קהלה אַריין, פון וואו מ'האָט איהם אָבגעשיקט אין זקנים־הויז, אָבער באַלד צומאָרגענס איז ער געווען צוריק אין שטאָדט און חלש'ט ווייטער.

דערווייל האָט ער צו דעם „גע־שעפט" נישט צוגעלייגט, שלעכט איז נאָר, וואָס דער עולם הויבט זיך אָן צו קענען אויף זיינע שטיקלעך.

ווי איהר זעהט, איז פּרנסה אַ שווע־רער ענין און אפילו הירצקע וואַסער־טרעגער, וועלכען מען האָט געהאַלטען פאַר אַ שוטה, טראַכט אויס גאָרנישט קיין נאַרישע תחבולות, „אַבי זשיטש"..

לויתן

# ווילנער נייעס.

## דער „בית-לחם" רופט!

דער „בית-לחם" רופט די ווילנער בעפעלקערונג צו קומען אויף די אקאדעמיע לכבוד דעם 10-יעהריגען יובילעאום פון דער עקזיסטענץ פון הילפס-פעראיין „בית-לחם".

שטיל און בעשיידען איז געווארען געפיהרט דורך די ג' עסקניות די אפפערווילליגע הילפס-ארבייט פאר די נויטליידענדע יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט במשך פון 10 י. איצט פייערט דער פעראיין דעם 10-יעהריגען יובילעאום און די ג' עסקנים רופען אייך מיטצופרעהען זיך און זיך צו בעטייליגען אין דער אקאדעמיע, מיט א רייכען פראגראם, צום סוף טענץ – אזוי אנאך זיי ערמוטיגען צו ווייטערע אפפערווילליגע ארבייט.

## העלפט ארויס די חלוצים אין זייער נויט-לאגע.

די חלוצים, וועלכע געפינען זיך היע אויף הכשרה אין דער צאהל פון 22 פערזאן געפינען זיך אין א זעהר קריטישער לאגע צוליעב פאלגענדע סיבות:

די ווילנער יודישע בעפעקערונג בעציהט זיך ליידער מיט וועניג אויפמערקזאמקייט צו די צוקונפטיגע אויסדויערענדע בויער פון אונזער לאנד, וועלכע האבען פערלאזט זייערע היימען און זענען גרייט צו אלע מינים עבודת פרך, כדי זיך מכשיר צו זיין צו בויען א"י – און נעמט ווענען עס איז צו ארבייט נאר נישט זיי. און בפרט אין די ווינטער חדשים, ווען עס איז בכלל פערהאן וועניג ארבייט – איז אוודאי שווער זייער לאגע. דאן איז נאך א זאך דערביי, וואס די חלוצים געפונען זיך אין אנ'ענגען נישט ענטשפרעכענדען לאקאל און מוזען אונבעדינגט אריבערגעהן אין א גרעסערען לאקאל, וועלכען זיי פערטראקטירען און פון ערשטען אן ווילען זיי אריינגעהן אין נייעם לאקאל.

צוליעב דעם אלעם איז זיי נויטיג א גרעסערע סומע צו קענען אויסהאלטען דעם ווינטער און צו עררייכען דעם לאקאל. זיי פערלאנגען אבער נישט קיין נדבות נאר ארבייט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז מאנטאג צושטאנד געקומען א בעראטונג פון פארשטעהער פון אלע ווילנער ציוניסטישע פעראיינען, און נאך אנ'ערנסטען איבערשפרעכען דעם ענין, איז בעשלאסען געווארען ארויסצולאזען ארבייטס-באנעס, וועלכע וועלען ווערען פערקויפט און די בעזיצער פון די באנעס וועלען קענען צו יעדער צייט זיך בענוצען מיט די חלוצים און חלוצות צו אלערליי מענער און פרויען ארבייטען און בעצאהלען מיט די באנעס. עס איז אויך אויף דער זיצונג געוועהלט געווארען א פאטראנאט.

עס איז צו האפען, אז די זאך וועט געפונען א געהעריגען אבקלאנג ביי די אלע, וואס זענען נישט גלייכגילטיג צום עקזיסטענץ פון די חלוצים און יעדער וועט קויפען פאר א געהעריגע סומע די ארבייטס-באנעס.

## מען מישט-אויף אלטע שטייער-חובות די ארימעלייט.

גלייכצייטיג מיט'ן איבערנעמען דורכ'ן שטייער-אמט דעם וואוינונגס-שטייער זענען געווארען אויפגעמישט אלטע חטאים און א סך ארימע איינוואוינער, וועלכע האבען נישט דעם טאג איבערצולעבען, בעקומען צוגעשיקט נאקאזען צו בעצאהלען דעם שטייער פאר א רייהע פערגאנגענע יאהרען, טראצדעם, וואס עס איז שוין ביי זיי געמאכט געווארען אנ'„אקט אובוסטוואו" און מען האט זיי דעם שטייער געשענקט.

איצט דראהט זיי ווידער, אז מען זאל זיי דאס פרוכנאוועטע שענקעל און די אויסגעקראכענע קאנאפע ארויסטראגען פון שטוב.

# טשענסטאכאווער נייעס.

## כוליגאנעס ווילדעווען אין מארק, ווארפען אום און צוטרעטען יודיש האב-און-גוטס.

פערג. זונטאג איז, ווי בעוואוסט, געווען ערלויבט צו האנדלען פון 1 ביז 6 אווענד. ווי נאר אבער ס'האבען זיך בעוויזען די ערשטע מארקשטעהער מיט אביסעל געבעקס און צוקערווארג, זענען געקומען א באנדע כוליגאנעס, וועלכע האבען צווארפען דאס ביסעל סחורה און עס צוטרעטען מיט די פיס. דאס האט ווי געווענליך ארויסגערופען א מהומה אין מארק און די איבערגעשראקענע יודען האבען מורא געהאט ארויסצופיהרען זייערע סחורות.

אפילו די פאליציי, וועלכע איז שפעטער אנגעקומען, נאך דער אינטערווענץ פון קהלה פארשטעהער ה' וו. זשעריקער, האט נישט געקאנט בערוהיגען די יודישען הענדלער, וועלכע האבען מורא געהאט, אז מען זאל נישט חרוב-מאכען זייער ביסעל בעטעל...

כאראקטעריסטיש איז, אז די קריסטליכע מארקשטעהער האבען אונגעשטערט געהאנדעלט און קיינער האט זיך צו זיי נישט געטשעפעט.

די כוליגאנעס האבען ווייטער אונגעשטערט צוטיילט די גרינע בלעטלעך און נישט דערלאזט קריסטליכע קונים קויפען ביי יודישע מארק-שטעהער.

נאכדעם, ווי פאליציי האט בעהערשט די לאגע און ס'איז געווארען רוהיגער, האבען א טייל מארק-שטעהער אפילו אויפגעשטעלט זייערע קראמען. צווישען דעם עולם קונים האבען זיך אבער ארומגעדרעהט גרינבענדעלדיגע, וועלכע האבען געפיהרט אנ'אגיטאציע נישט צו מאכען קיין איינקויפען ביי יודישע הענדלער.

## די ראטמענער פון דער האנדעלס-קאמער פון טשענסטאכאווער קרייז.

אין דער אינדוסטריע און האנדעלס-קאמער אין סאסנאוויץ איז פארגעקומען א זיצונג פון דער הויפט-וואהל-קאמיסיע, אויף וועלכער דער וואהל - קאמיסאר אינזש. זאגראדזקי האט דערלאנגט א פראטאקאל מיט'ן רעזולטאט פון די ראטמענער-וואהלען אין די ארגאניזאציעס וואס זענען בעשטימט געווארען דורכ'ן אינדוסטריע און האנדעלס מיניסטער.

פון טשענסטאכאווער קרייז זענען אלס ראטמענער פון דער האנדעלס קאמער געוועהלט געווארען:

פון דער אינדוסטריע-סעקציע: דער דירעקטאר פון שוועדע'ס ברויעריי ה' זיעלינסקי און דירעקטאר פון דער „גנאשינער מאנופאקטור" ה' ראמאן מארקאוויטש.

פון דער האנדעלס סעקציע: דער דירעקטאר פון דער פאבריקאנטען און סוחרים באנק ה' סט. פרושיצקי.

## פון מזרחי.

שבת, פ' שמות, 4 א זייגער נאכמיטאג קומט-פאר אין לאקאל פון „מזרחי", אלעע 10, א עונג-שבת מיט דער בעטייליגונג פון ח' אברהם ה. פינקעלשטיין.

## פון תנועת תורה-ועבודה.

זונטאג, פ' וארא, דעם (30.12) 8 א זייגער אווענד פונקטליך קומט פאר א רעפעראט פון ד"ר ז. ח. הירשבערג א. ד. ט. „די יודישע עטיק".

## פון „השומר הדתי".

שבת, פ' שמות (29.12), 3 א זייגער נאכמיטאג קומט-פאר א שיחה כללית פון גאנצען קן א. ד. ט. „חלוצים און שומריזם", געפיהרט דורך אח קליינער. אלע שומרים-ות קומען פונקטליך.

## פון ברית הצה"ר.

דונסטאג, דעם 25 ד. ח. איז אין לאקאל פון ברית-הצה"ר פארגעקומען א טהיי-אווענד ביי דער בעטייליגונג פונ'ם פארשטעהער פון דער צענטראלע ה' אריה קאטשער.

די אסיפה עפענט ביי דער אנוועזענהייט ביז צירקא 100 חברים. פרעזעס ש. ניעמיראווסקי, וועלכער בעגריסט גלייכצייטיג דעם גאסט אין נאמען פון היגען הצה"ר.

נאך די בעגריסונגען האלט ה' קאטשער א רעפעראט אין וועלכען ער רעדט ארום די איצטיגע לאגע אין ציוניזם בכלל און רעוויזיאניזם בפרט. ער אנאליזירט אויך דערביי געגנוי דעם לעצטען שלום-אבמאך און ווייזט-אן אויף דער קאלאסאמער בעדייטונג פון שלום פאר'ן ציוגיזם אין יעצטיגען מאמענט.

נאכ'ן רעפעראט וויילען זיך די חברים ביי סערווירטע טישען ביז אין דער האלבער נאכט.

---

ווי בעוואוסט איז צושטאנד-געקומען אנ'איינהייטליכע וואהל-ליסטע פון די פוילישע רעוויזיאניסטען צו דער וועלט-קאנפערענץ פון רעוו. אוניאן אין קראקא.

פון טשענסטאכאוו און פון ארומיגען קרייז איז איינשטימיג אויסגעוועהלט געווארען פרעז. ש. ניעמיראווסקי. אזוי ארום וועט טשענסטאכאוו זיין פערטרעטען דורך איהר דעלעגאט אויף דער וועלט-קאנפערענץ.

אין שטאדט ווערט אדורכגעפיהרט די קרן תל חי אקציע, וועלכע איז איצט ספעציעל געווידמעט דעם 54 יעהריגען יובילעאום פון נשיא זאב זשאבאטינסקי. די אקציע געהט הויפטזעכליך אויף אונטערצושטיצען די ניי ענטשטאנענע נאציאנאלע ארבייטער ארגאניזאציע.

ע. י.

## פון בע"ם.

קומענדע וואך וועט ביים היעגען סניף בע"ם אנהויבען ערשיינען אונטער דער רעדאקציע פון ח' ליפמאן קאפינסקי א וואנד - צייטונג א. נ. „מנורה". די וואנד-צייטונג וועט גלייכצייטיג אויך זיין א „לעבעדיגע" צייטונג, וועלכע וועט ווערען פארגעלייענט אויף די טהיי-אווענדען אין ברית-הצהר.

די פ"אקלאמירטע ווערבירונגס אקציע ווערט פארטגעזעצט מיט ערפאלג. די העברעאישע לעקציעס קומען-פאר צוויי מאל אין דער וואך, אונטער דער אנפיהרונג פון פראפ. וויינבערג. דער אבצאהל איז א מינימאלער.

ביים ב"עס איז געשאפען געווארען א פרעלעגענטען-סעקציע אונטער דער לייטונג פון ל. קאפינסקי. מאנטאג אווענד קומט-פאר די ערשטע אסיפה פון דער סעקציע מיט א דיסקוסיע א. ד. ט. „אלגעמיינע פרינציפען איבער פאלקס אראטאריק".

היינט פרייטאג קומט-פאר אין ב"עם א רעפעראט פון הבר ל. קאפינסקי א. ד. ט. „קאנסטיטוציאנעלע ארגאנען אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. איינגאנג פריי.

מארגען שבת, האלב 3 נ. מ. קומט-פאר די ווייטערע לעקציע איבער יודישע געשיכטע געפיהרט דורך פראפ. ב. וויינבערג.

## ביז'ן 1 לוטי וועלען ארויסגעגעבען ווערען די אבליגאציעס פון דער נאציאנאלער הלוואה.

אריגינעלע אבליגאציעס פון דער נאציאנאלער הלוואה וועלען ארויסגעגעבען ווערען און די סובסקריבציעאמטען ביז'ן 1 לוטי 1935. אין הסכם מיט א פעראָרדנונג אין דער הינזיכט, וועלען אלע אבליגאציעס וואס וועלען נישט ארויסגענומען ווערען דורך די אייגענטימער ביז'ן אויבענדערמאנטען טערמין, איבערגעהן אין דעפאזיט אריין.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז די גרעסטע טייל סובסקריבענטען פון דער נאציאנאלער הלוואה, ספעציעל אין די מלוכה'שע און זעלבסטפערוואלטונגס-אמטען, האבען נאך ביז היינט-צו-טאג נישט בעקומען זייערע אבליגאציעס.

## פון בריות-החיל.

פרייטאג, דעם 28 ד. ח. 7-30 אוו. קומט-פאר א ווייטערדיגע לעקציע פון געשיכטע פון ציוניזם, געפירט דורך ח' יארזאמבעק.

שבת, ד. 29 פונקטליך 30 3 נ. מ. – ווייטערדיגע לעקציע פון יודישע געשיכטע און אקטועלע ענינים, געפירט דורך נ. זהבי.

צוליעב דעם, וואס די אויבענדערמאנטע לעקציעס ווערען נישט איבערגעחזר'ט, דארף יעדער מיטגליד זעהן צו זיין פונקטליך. שוין אין די נאהנטסטע טעג הויבען זיך אן העברעאישע לעקציעס. די פעראינטערעסירטע ח'ח דארפען זיך ווענדען צום ח' נ. זהבי וועגען אינפארמאציעס.

## דייטשע גרעניץ-וואך דערשאסען א פוילישען שמוגלער.

דעם 23 ד. ח. ביינאכט איז דערשאסען געווארען דורך דער דייטשער גרעניץ וואך א געוויסער מיעטשיסלאוו קאטשמארזשיק פון דארף קאמינסקא (גמינע פרושיסטיין), וועלכער איז אריבער די גרעניץ מיט 25 קילא פלייש, וועלכע ער האט געוואלט אריינשמוגלען נאך דייטשלאנד. דער פארפאל איז פארגעקומען אויף דער דייטשער זייט נישט ווייט פון דארף ברזשעגי.

## אויסעראָרדענטליכע אלגעמיינע פערזאמלונג אין דער סוחרים - באנק.

שבת, דעם 29 ד. ח. 7 אווענד וועט פארקומען אין לאקאל פון פאבריקאנטען און סוחרים-פעראיין (אלעע וואלנאשטשי 3–5) די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער היגער פאפולערער פאבריקאנטען און סוחרים באנק.

אויפ'ן טאג-ארדנונג: 1) דער ענין פון הויך פון קרעדיט, וואס קאן ערטיילט ווערען פאר איין מיטגליד פראפארציאנעל צו די איינגעצאהלטע פייען. 2) די גרעניצען פון העכסטען קרעדיט פאר איין מיטגליד.

## די סקי-סעקציע ביים „מכבי".

מיטוואך, דעם 26 ד. ח. איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער סקי סעקציע ביים „מכבי". עס איז געוועהלט געווארען א לייטונג אין פאלגענדען צוזאמענשטעל: צאהן-ארצט פרץ, אינזש. בראניאטאווסקי, וויינבערג, שאיא, פראמער און דזיאלשינסקי.

זונטאג, דעם 31 ד. ח. ווערט איינגעארדענט דער ערשטער אויספלוג פון דער סעקציע אין דער געגענד פון טשענסטאכאוו. די מיטגלידער דארפען זיך צונויפקומען אין לאקאל פון פעראיין 9 א זייגער פריה.

אין קורצען זאל א גרופע מיטגלידער פאהרען קיין זאקאפאנע אין ווינטער-לאגער, געניסענדיג פון גרעסערע באהן-הנחות.

די איבונגען פון דער סעקציע קומען פאר יעדען מאנטאג און דאנערשטאג אווענד. אלע מיטגלידער ווערען געבעטען רעגולער צו קומען אויף די איבונגען.

## המשך פון דער קאלעקטיווער פערזאמלונג וועגען כאלופניקעס אין האנדווערקער-פעראיין.

מארגען שבת 7 א זייגער אווענד קומט-פאר אין לאקאל פון האנדווערקער-פעראיין (אלעע 12) דער המשך פון דער קאלעקטיווער פערזאמלונג פון פערגאנגענעם שבת וועגען נישט לעגאליזירטע ווארשטאטען און כאלופניקעס. עס ליגט אין אינטערעס פון יעדען האנדווערקער זיך אין דער פערזאמלונג צו בעטייליגען.

## „דער אורטייל" אין דער אויפפירונג פון דראמאטישען קרייז.

די דאטע פון אויפטריט פון היגען דראמאטישען קרייז, וועגען וועלכען מיר האבען שוין געמאלדען, איז שוין פעסטגעשטעלט געווארען אויף דעם 11-טען סטיטשען 1935. עס וועט אויסגעפיהרט ווערען די בעקאנטע פיעסע „דער אורטייל", וועלכע איז געשפיעלט געווארען מיט גרויס ערפאלג אויף אלע גרעסערע ביהנעס. די דאזיגע פיעסע שפיעלט-אב די קאמפען צווישען די „ווייסע" און „רויטע" בעת'ן בירגער-קריעג אין רוסלאנד.

די צוגרייטונגען צו דער פאשטעלונג זענען שוין אין פולען גאנג. די פיעסע ווערט רעזשיסירט דורך דעם ארטיסט פון לאדזער קאמעראל טעאטער ה' מ. קאהן.

## היגיענע פון קינד.

א הארמאנישע דערגענצונג פון דעם אלגעמיין-געניצטען „שאפמאנ'ס פודער בעבע" איז די אויסגעצייכנטע „שאפמאנ'ס בעבע זייף", אנ'איבערגעפעטסטע זייף פאר קינדער און דערוואקסענע מיט א דעליקאטער הויט. א דאנק „שאפמאנס זייף בעבע" מאכט די הויט פריש, געזונד, עלאסטיש, ווידערשטאנדספעהיג אויף אלערליי הויט-קראנקהייטען. מיט איין ווארט זי בליהט. שאפמאנ'ס בעבע-זייף, איז א היגיענישע זייף, אויסגעארבייט פון ספעציעל צוגעקליבענע פעטסען. יעדע פארטיע זייף ווערט אנאליזירט אין די לאבאראטאריעס פון דער פירמע „ווו-על-קא". דערביי ווערט געלעגט אכט אויף דעם איבערפעטסטען „שאפמאנ'ס בעבע זייף", ענטשפרעכענד צו דער דעליקאטער הויט פון א קינד אדער אנ'אנדערער עמפינדליכער הויט. עס האנדעלט זיך וועגען נייטראליזירען דאס אלקאלישע ווירקען, וועלכעס איז אונשעדליך אין געוועהנליכער זייף, אדער קען פערשאפען הויט - קראנקהייטען ביי דער עמפפינדליכער הויט פון קינדער און דערוואקסענע. „שאפמאנ'ס בעבע-זייף" איז פערפומירט מיט אנ'אריגינעלער און סובטעלער קאמפאזיציע, וואס ענטהאלט נאר די בעסטע נאטירליכע שמעקאיילען אהן שום קינסטליכע איילען, וואס ענטהאלטען טיילמאל כלאר און הידראקארבורען, וועלכע ווירקען דעסטרוקטיוו אויף דער הויט.

ד"ר ס. א.


# ביי רעוומאטישע לוידען

פאדאגרא, שמערצען פון די גלידער, קאפ-שמערצען און נערוועןליידען, גריפע און פערקיהלונגען

געברויכט מען די טאבלעטקעס

Togal

רעג.-נ' 1364

צו בעקומען אין אלע אפטייקען.



## „קרן היסוד" אין טשענסטאכאוו.

שבת, ד. 29 דעצעמבער 8 א זייגער אווענד

קומט פאר אין פייערלעשער-זאל

# א פייערליכע אקאדעמיע

מיט דער בעטייליגונג פון פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארג. אין פוילען, געוו. סיים-דעפוטאט

דר. יצחק שיפער און טאלאנטפולן רעדנער רעד. נ. גערבאווסקי

א. ד. ט. אונזערע נייע אויפגאבען אין א"י.

איינגאנג 25 גראשען.

We WTOREK, dn. 1-go stycznia 1935 r. o godz. 1 po poł., w drugą bolesną rocznicę śmierci naszego ukochanego MĘŻA i OJCA

B. P. D-ra IGNACEGO KONIECPOLSKIEGO

odbędzie się nad Jego grobem nabożeństwo żałobne.

O czem zawiadamiają Rodzinę, Kolegów i Przyjaciół

żona i córeczka.

BIBLIOTHECA JAGELLONICA

## ווענדונג

### צו דער פערוואלטונג פון יוד. האנדווערקער - פערבאנד, אלעע 12.

טראָץ די פיעלמאַליגע שריפטליכע ווענדונגען צו אייך, אַז איהר זאָלט ווירקען אויף דעם 2-טען שניידער-צעך, אַז ער זאָל אויפהערען מעלדען אין סטאראָסטווע, אַז אונזערע מיטגלידער בעזיצען נישט קיין האַנדווערקער-קאַרטען ווי די פאלען געלבער און אנד., וועלכע האָבען בעקומען נאָקאָזען קאָרנע, וואו עס ווערט אָנגעוויזען, אַז דאס האט געמאכט דער אויבענדער-מאנשטער צעך, האָט איהר נישט געגעבען קיין שום ענטפער. מיר פאָדערן פון אייך דעריבער, אַז איהר זאלט אין פערלויף פון 8 טעג עפענטליך דערקלע-רען אייער שטעלונג אין דער פראַגע. אנדערש וועלען מיר אייך בעטראכטען פאר מאָראליש מיטפעראַנטוואָרטליך אין דער דאָזיגער „שעהנער" ארבייט.

**האַנדווערקער-פעראיין**

פון דער פוילישער רעפובליק אָבט. טשענסט., פילסודסקי 17.

## אויפפאָדערונג צום ה' סיריצקי

עלטסטער פון 2 טען שניידער-צעך ביים האַנדווערקער-פערבאַנד, אַלעע 12.

מיר פאָדערען אייך אויף אין פערלויף פון 3 טעג צוריקצוצאָהלען די די דורך אייך צוגענומענע 14 זל. מיט 25 גר. פון אונזערע מיטגלידער ה. ווענדעל און פ. שווארץ. אנדערש וועלען מיר דאס איבערגעבען אין געריכט.

**האַנדווערקער-פעראיין**

פון דער פוילישער רעפובליק אָבט. אין טשענסט., פילסודסקי 17.

## ראַטעוועט דאס געזונד!

אַ קראַנקער מאָגען איז אָפט די סיבה פון פערשידענע קראַנקהייטען

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

זענען אַ גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאָגען. זיי בעזייטיגען אָבסטרוקציעס און זענען אַ מילד נאַטירליך אָבפיהר-מיטעל. בעזייטיגען די פוילונגס - סובסטאנצען, וועלכע פערגיפטען דעם אָרגאניזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

ווערען געברויכט ביי קראַנקהייטען פון דער לעבער, נירען, גאַלשטיינער און מערידען, ווערען גערן גענו-מען דורך די קראַנקע.

WSZYSCY SPIESZĄ NA

# BAL SYLWESTROWY

na rzecz Szpitala Żydowskiego

31 grudnia 1934 r.

w Sali Straży Ogniowej.

Początek o godz. 10 wiecz. — Bilet wejścia zł. 5.—
Wejście tylko za zaproszeniami. — Strój wizytowy.
Zaproszenia wysyła na życzenie Kancelarja Szpitala tel. 13-22.

Mydło Bebe Szofmana פאר קינדער אונפערטרעטבאר

# אַלערליי געבעקסען

אויף תנאים'ס, חתונות, ברית'ן און פערהיילונגען

קען מען אמבעסטען בעשטעלען אין דער

ערשטקלאַסיגער צוקערניע

יצקל קאַלקא בערעק יאַסעלעוויטש 6

אויך ווערט אָנגענומען הויז - באַק צו ביליגע פרייזען.

געדענקט די אדרעס:

י. קאַלקא, ב. יאַסעלעוויטש-גאַס № 6

בעשטעלט און איהר וועט העכסט צופרידען זיין.

# דער פוטער=סקלאַד

# MAURYCY KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. Tel. 22-59.

עמפפעהלט אויפ'ן לויפענדען סעזאָן

אַלע סאָרטען פוטערס צו קאָנקורענץ-פרייזען.

## פון ספאָרט

### „מכבי" בעזיעגט דעם פאָליציי-איישען ספאָרט - קלוב (סאָסנאָוויעץ) 2:10.

#### סקאַנדאַליעזע האַלטונג פון די סאָסנאָווצער באָקסער.

מיטוואָך אָוועגד איז אין זאַל פון „מכבי" פארגעקומען דער רעוואַנזש-מעטש צווישען פ. ק. ס. (סאָסנאָוויעץ) און היגען „מכבי", וועלכער האט זיך געענדיגט מיט'ן הויכען זיעג פון „מכבי" 10:2. דער זיעג איז געווען אַ פערדינ-טער, ווייל די אָרטיגע האבען זיך ארויסגעוויזען טעכניש מיט אַ קלאַס העכער פון די סאָסנאָווצער.

דער גרויסער עולם צושויער איז אוועק אַ ענטוישטער צוליב די געסט, וועלכע האבען זיך בענוצט מיט נישט-דערלאָזבאַרע קלעפ און זיך אויפגעפיהרט זעהר אונסאָקטיש. בכלל לאָזט זיך ביי די סאסנאווצער מערקען ווייניג דיסצי-פלין און שלעכטע אויפפיהרונג וואס מאַכט זעהר אַ שלעכטען איינדרוק אויף די צושויער, וואס עס איז ביז-איצט נאָכנישט געשעהן און פאָדערט אַ ענט-שיידונג פון קרייז-פערבאַנד, כדי אזעל-כעס זאָל זיך מעהר נישט איבערחזר'ן.

אויסגעצייכענט האט זיך כוואַט, וועל-כער בעקומט אַ זילבערנעם זשעטאָן, געשאָנקען דורכ'ן פ. ק. ס. פאר דעם שענסטען קאַמף מיט דעם מייסטער פון שלעזיען — וועלגרין.

די רעזולטאַטען זענען פאָלגענדע:

יאָכימאָוויטש קעמפט מיט דעם פיזיש-שטאַרקערען רינדזיאָן. יאָכימאָוויטש בעקומט צוויי פונקטען צוליב דער העכערער וואָג פון זיין געגנער. דער קאַמף איז אַ פערביסענער און שוין אין דער צווייטער רונדע האַלטען זיך ביידע ק.יפ אויף די פיס. אין פריינדשאַפטס-קאַמף זיעגט רענדזיאָן. דער לעצטער בעקומט 2 וואָרנונגען פאַר נישט-דער-לאָזבאַרע קלעפ.

אַ גרויסע איבעררעשונג איז געווען דער פערדינטער זיעג פון כוואַט'ן איבער'ן מייסטער פון שלעזיען וועלגרין, וועלכער האט זיך ביי אונז בעריהמט געמאַכט בעת די קאַמפען שלאָנסק—טשענסטאָכאָוו מיט 4 וואָכען צוריק. כוואַט האט אין דער ערשטער און דריי-טער רונדע אַ בעדייטענדע איבערמאַכט און בעזיעגט זיין פיזיש-שטאַרקערען געגנער אויף פונקטען. כוואַט ווערט בעשאָנקען מיט לאַנג-דויערענדע אַפלאָ-דיסמענטען. דאָגעגען וועלגרין בעקומט צוויי וואָרנונגען פאַר נישט דערלאָזבאַ-רע קלעפ.

גראַנעק קעמפט מיט דאָמאָנסקי'ן. אַלע דריי רונדעס זענען אויסגעגלייכט און דער קאַמף ענדיגט זיך אונענט-שידען.

כליוונער בעזיעגט זאָיאָנץ'ן דורך דיסקוואַליפיקאַציע פון דעם לעצטען באַלד אין דער ערשטער רונדע.

בינדער קעמפט מיט באָנאָך—2. בינ-דער קעמפט זעהר שעהן און דיקטירט באַלד פון אָנהויב אַ זעהר שנעלען טעמפּאָ. די גאַנצע ערשטע רונדע געהער צו בינדער'ן. פאַר'ן אָנהויב פון דער צווייטער רונדע גיט זיך זיין געג-נער אונטער און בינדער בעקומט אַזוי אַרום צוויי פונקטען.

שיין קעמפט מיט באָנאָכ'ן אויף רעמי. שיין האט אַ דאַנק דער דרייסטקייט, מיט וועלכער ער איז געגאַנגען דער-גרייכט אַ בכבוד'ן רעזולטאַט מיט דעם פיזיש-שטאַרקערען באָנאָך.

פון די 3 פאָרמעטשען האט זיך אויס-געצייכענט שטשערבאַלאַ, פון וועלכען ס'וועט נאָך מסתמא אויסקומען צו שרייבען.

רינג - ריכטער ה' שמאָראָגד — גוט.

מ. ק.

KINO „EDEN".

גרויסער יום-טוב-פראָגראַם!

דער לאַנג - ערוואַרטעטער נייעסטער שלאָגער פון פוילישער פילם-פראָדוקציע

CZARNA PERŁA

מיט'ן ליבלינג פון היגען פובליקום

ע. באָדאָ און זיין פארטנערין רערי.

Kino „LUNA"

גרויסער יום=טוב=פראָגראַם!

MŁODY LAS

מעכטיגע ליבעס-עפּאָפּעע פון העלדיש-קייט און אָפּפערונג לויט אַדאָלף הערץ.

אין די הויפט-ראָלען:

מאַריאַ באָגדאַ, אַדאַם בראָדזיש, ציבולסקי, באַלצערקעוויטשוובנאַ, וואַלטער, סאַמבאָרסקי, יאַראַטש.

געוועהנליכע פרייזען.

„ATLANTIC"

אָגראָדאָווא 14.

רעוואָלאַציעזער פילם, טריומף פון דער פראַנצויזישער פראָדוקציע

TUNEL

מיט מאַדלען רענאָ און זשאַן גאַבעל

## אַכטונג האַנדווערקער!

פון האַנדווערקער-פערבאַנד בעט מען אונז מיטצוטיילען, אַז דער סעקרעטאַר-יאַט נעמט שוין אָן אויסצוקויפען פאַטענטען פאַר די מיטגלידער אויפ'ן יאָהר 1935. נעמענדיג אין אַכט, אַז די פאַטענטען מוזען אויסגעקויפט ווערען שפעטסטענס ביז'ן 31 דעצעמבער און אַזוי, ווי דער דאָזיגער טערמין וועט נישט פערלענגערט ווערען, דאַרפען אַלע פעראינטערעסירטע בעצייטענס וועגען דעם ענין זיך צו ווענדען אין סעקרע-טאַריאַט פון האַנדווערקער - פערבאַנד (אַלעע 12), וואו ס'ווערען אויך ערטיילט אַלע אינפאַרמאַציעס וועגען די פערשי-דענע פאַטענטען-הנחות, וועלכע דער פינאַנץ-מיניסטער האט בעשטימט פאַר די שטייער צאָהלער אויפ'ן יאָהר 1935.

## פאַר דער גמילת-חסד-קאַסע ביים שניידער-צעך.

כדי צו פערשטאַרקען די גמילת-חסד-קאַסע ביים שניידער-צעך ווערט איינ-געאָרדענט שבת, דעם 5-טען סטיטשען ק. י. א גרויסע פערוויילונג אין זאַל פון האַנדווערקער-קלוב (אַלעע 12).

די פערוויילונג ווערט זאָרגפעלטיג איינגעאָרדענט מיט פערשידענע אַטראַק-ציעס אַזוי, אַז די געסט וועלען פער-ברענגען א געמיטליכען פרעהליכען אָוועגד.

בילעטען אויף דעם דאָזיגען זעהר פ-עהליכען אָוועגד זענען שוין צו בע-קומען אין סעקרעטאַריאַט פון שניידער-צעך (אַלעע 12).

פעלצן

אין דער פירמע

MICHAŁ AJDELMAN

Częstochowa Piłsudskiego 7

טעל. 13-05, 1-טער שטאָק, פראָנט.

## פרויען-אָרגאַניזאַציע „דבורה".

ביי דער יודענשטאַטס-פאַרטיי איז ענטשטאַנען אַ פרויען - אָרגאַניזאַציע א. נ. „דבורה", וועלכע האט שוין איי-ניגע צעהנדליג מיטגלידערינס און פיהרט אַן אינטענסיווע קולטורעלע און אויפקלערונגס-אַרבייט.

שבת, ד. 29 ד. ח. 9 אָוועגד קומט-פאָר אַ רעפעראַט און טהיי-אָוועגד מיט געזאַנג-נומערן.

## ניי-יאָהר-באַל פון „מכבי".

דער י.ט.ס.פ. „מכבי" אָרדענט איין אין אייגענעם זאַל אויף קאַטעדראַלנע 13 א ניי-יאָהר-באַל. א טייל פון דער הכנסה איז בעשטימט לטובת דער רע-טונגס-אקציע פאַר'ן יודישען שפּיטאַל.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6